אשר ברש

פון מענש צו מענש

משה נאדיר

פארלאג „ווערבע“
ניו יארק, 1919.

4A

43 220

Copyright, 1919.
by
MOISHE NADIR,
(Isaac Reiss)

Bibliotheca
Universitatis
Tartuensis
1941: 9881

PINSKI-MASSEL PRESS
84 BOWERY, NEW YORK

צו דעם טויטען יצחק רייז
צו דעם אמאָל־געוועזענעם.
צו דעם וואָס האָט יעדען טאָג
אַ דריי־פיער שעה פארשוואונדט,
צו זעהן זיין קאָפּ זאָל ריכטיג זיין פארקאַמט
און אויך זיין שניפּס —
זאָל ריכטיג זיין פארקניפּט און אויסגעלעגט
און זיין יעדען נאָגעל־פינגער האָט ער —
געשעצט און געאַכט.
און יעדער וועהטאָג זיינער
האָט איהם וועה געטון
און ער פלעגט זיך אויסהיטען
פון צוג־ווינטלעך
און אַנקומענדע לאַקאָמאָטיוון.
און איצט איז ער טויט
און אָהן אַ שניפּס.

— — — — — — — — — — — —

איצט לעג איך צו די טויטע לאַנגע פיס
אַ־דעם־אַ קראַנץ
פון אימאָרטעלען.

פון מענש צו מענש

I מיט אַ פֿײַנעם פּראַזשנפּראַנז ♦ איך האָב געטראָטען דײַן שענסטע ערד מיט מײַנע פֿיס אָה גאָט ♦ אָבער נישט איך בין דאָפֿון שטאָלצער געוואָרען ♦ נישט דײַן ערד שפּל'די־גער ♦ איך האָב מײַנע ווינדוויזיען אַריבער דײַנע שטערען געוואָרפֿען ווי אַן אָקסענפֿאַנגער וואַרפֿט זײַן שטריק ♦ אָבער פֿון דעם געפֿאַנגענעם ווער איך צוגעהאַלטען געפֿאַנגען און אומגעפֿעהר ווי אין אַ שעקספּירישער דראַמע ♦ אַ פּיסעל פֿון אַ מויז ♦ אַ האַרץ פֿון אַ שוויין ♦ אַ טראָפּען רחמנות ♦ אַן עקעלדיג אַרומדרעהען זיך אויף דער באַשטימ־טער קאַרוסעלע ♦ דערנאָך די צוקאָפּען־ליכט ♦ דער פֿײַערליכער קדיש ♦ דאָס נישטוועהן וואָס איז רײַניגענד ווי קאַסקאַראַ סאַגראַדאַ ♦ און דו און זי און יענער און דער איהר בלײַבט ♦ די ברענענדיגע אויסגעהענדיגע ליכט צום יאָהרצײַט פֿון אַלע געשטאָרבענע ♦ די אַרומגעהענ־דיגע מצבות אויף קברים פֿאַרגעסענע ♦ אָבער די צײַט צעפּרעסט אײַך מיט איהרע געלע צײַן צעברעקעלט אײַך מאַכט צוריק צו זאַמד צו שטויב ♦ ווי לוסטיג מײַנע אַרטיקלען זײַנען האַהאַ געטרײַע לעזער ♦

II

עפּעס מוז דאָך זיין נאָכ׳ן טויט וואָס איז נישט־לעבען ♦ אַ סוף׳יגע פינסטערקייט ♦ אָן אָפּרוה אין וועלכער אַלצדינג איז אויסגעלאָשען ♦ ענטשטורעמט ♦ עס קען דאָך נישט זיין קיין לעבען נ אָ כ ׳ ן לעבען ♦ פונקט ווי עס איז נישטאָ קיין וויסטעניש אַקוראַט נאָך דעם ווי די וויסטעניש ע נ ד י ג ט זיך ♦ און ווידער דאָס לעבען איז אַן אַ ר ב י י ט און מ׳קאָן דאָך נישט באַלוינען מיט אַ ר ב י י ט פאַר אַרבייט ♦ דער גאָלדשפּינער אפילו ווערט דאָך נישט באַלוינט מיט מעהר גאָלדשפּינעריי ♦ דער פּערעלפישער ווערט דאָך נישט באַלוינט מיט אַראָפּלאָזען זיך אין אָפּגרונט אַריין ♦ דאָס לעבען קען נישט ב אַ ־ ל ו י נ ט ווערען מיט לעבען אויב עס פאַרדינט אַ באַלוינונג ♦ עס קען נישט באַשטראָפט ווערען מיט לעבען אויב עס פאַרדינט אַ שטראָף ♦ אַ לע־בען נאָכ׳ן טויט איז נאָר מעגליך אויב ס׳איז נישטאָ קיין האַנט וואָס זאָל וועגען און מעסטען באַלוינען און באַשטראָפען ♦ אין אַזאַ פאַל איז אָבער נישטאָ ווער עס זאָל אויסטיילען דאָס ווייטערדיגע לעבען ♦ נישטאָ אויף וואָס אַוועקצושטעלען ס׳ליכט וואָס האָט אויסגעזעהן צו זיין פאַרלאָשען אין גראָהען ווינט און וואָס עס קען פונדעסטוועגען זיין אַז עס ברענט ווייטער שטילערהייט נאָר מיר זעהען עס נישט ♦

III די נאַכט האָט אויסגעברענט ♦ איהר גרינ־
גראָה אַש איז געפאַלען אויף מיין חלום ♦
די אויסגעברענטע לבנה ו ו י אַ ש ט י ק
פּ אַ פּ י ר פ ו ן אַ ק י נ ד ע ר ־ ק ר ו י ן האָט
איהרע שפּורען איבערגעלאָזט אין אַ וועלט פון
עלפאַנטביין ♦ גאָלד און לאַנגווײלע ♦ איך דאַרף
נאָר א ווייה טון דארויף מיט מיין אָטעם און עס
וועט פאַרלוירען־געהן ♦ פאַרלוירען־געהן ♦ קיין
סימן וועט נישט בלייבען פון דער נעכטיגער לבנה
וואָס האָט אַזוי הויך און שטאָלץ און הערּאָאיש
געברענט אויף מיין נעכטיגען הימעל ♦ די שטער־
רען זענען צעריבען אויף ווייסען מעהל און די
געטער געהען אַרום באָרפים און עסען דאָס ביטער־
געשמאַקע שטערענברויט און ווערען דערפון גע־
זונט און פעט ♦ און איינער אַן אַלטער גאָט
וואָס האָט זיך איבערגעפרעסען מיט דעם ברויט
וואָס איז געמאַכט פון צעמאָלענע אוניווערזומס
געהט ארום מיט דריי גוידערם ♦ און יעדער
גוידער איז אַ וועלט פאַר זיך ♦ און אויף יעדען
גוידער וואוינען טויזענד מיליאָן מענשען־קינדער
און שאָקלען זיך צום טאַקט פון אַ יעדען געזעץ
פון דער איבערזאַטער גאָטהייט ♦ די נאַכט האָט

אויסגעברענט ♦ אויף מיין נשמה ליגט דאָס
בלייכע אש פון אויסגעברענטע חלומות און איך האָב
מורא עס אראָפּצובלאָזן ♦

IV א טויטער בוים ♦ שטאַלץ־אויסגעפּוצט ♦
ריינער פון אלע אנדערע בוימער ♦ נעט ♦
שטיל ♦ שטייט ♦ אָבער אזוי אומערהערט
טויט ♦ די אַנדערע בוימער רוישען ♦ מאַכען
אַן אַ טומעל ♦ פיהרען זיך נישט גוט אויף ♦
שפּילען אַ ליעבע מיט זייערע אייגענע שאָטענס ♦
לאַכען אין דער הויך ♦ בייזערען זיך ♦ רעדען
גראָבע הויכשטורעמדיגע ווינטיגע רייד ♦ דער
טויטער אויסגעפּוצטער בוים קוקט זיי אָן אַזוי
ערנסט ♦ פאַרשטעהט נישט וואָס זיי רוישען
אַזוי ♦ וואָס זיי לאָזען נישט שלאָפען ♦ דער־
צעהלט דעם טויטען בוים אַז לעבעדיגע בוימער
האָבען זאַפט אין די אָדערען וואָס צעשפּילט זיך
ווי ווייַן און שכורט אָן דאָס האַרץ ♦ זיי מוזען
רעדען ♦ פלוידערען ♦ טומלען ♦ שרייען ♦
זינגען ♦ צאַפּלען־זיך ♦ דער טויטער בוים
וועט עס נישט פאַרשטעהן ♦ דערפאַר ווייל ער איז
אַלט און פאַרטריקענט און אָפּגעשטאָרבען ♦ אַך
ווי ש ר ע ק ל י ך א ָ פּ ג ע ש ט אָ ר ב ע ן ♦
דער טויטער בוים איז מיינער אַ שכן ♦

V איך האָב נעכטען אַ קוק געטון אין אַזוינע
זין שפּיגלען וואָס ווייזען אייך אייער פיגור
פון ביידע זייטען ♦ פון פאָרענט און פון הינטען ♦
איך האָב דערזעהן עפּעס א פרעמדען מענש מיט
אַ ראַזירטען קאָרק וואָס געהט מיר נאָך שטילער־
הייט אויף שריט און טריט ♦ און עפּעס אַ ברייי־
טע פלייצע וואָס איז מיר דורכאויס פרעמד
און פאַרלייקענט אינגאַנצען מיין שעהנע איג־
טערעסאַנטע פאָרענטדיגקייט ♦ ווער וויים וואָס
פאר אַ שפּראַך מיין פלייצע רעדט הינטער מיר ♦
אפשר פון אונטערטעניגקייט ♦ פון געבויגענ־
קייט ♦ און דער ראַזירטער קאָרק אויף יענער
זייט פון מיין פארשוינליכקייט צי נאַרט ער נישט
אָפּ זיין באַלעבאָס וואָס קען אויף איהם נישט האַל־
טען קיין אויג ♦ צי פארלייקענט ער נישט די
רויזען־רייד וואָס בליהען פון מיינע ליפּען אַרונ־
טער ♦ צי באַטריגט ער נישט מיין אינטעליגענט
פאַדערדיג אויסזעהן ♦ צי שרייט ער נישט
אַריין די פארבייגעהער אויפ׳ן אויער אַז זיין באַ־
לעבאָס איז אַ געפעהרליכער מענש און מ׳דאַרף
זיך פאר איהם היטען ♦ איך האָב געקוקט אין
די שפּיגלען אויף דער אומבאַקאַנטער העלפט פון

מיין קעניגרייך און זיך געאומעטיגט ♦ ווער ווייס ♦ ווער ווייס וואָס פֿאר אַן איינדרוק מיין יענעזייט מאַכט אויף מענשען ♦ און וואָס שלעפּ איך מיך אַרום מיט אַ פֿאָר ברייטע פּלייצעס וואָס איך קען זיי נישט און ווייס זיי נישט ♦ און וואָס האָט צו מיר דער פרעמדער נישט־שעהנער נאַקען ♦ וואָס טרעט ער נישט אָפּ פון מיין געשטאַלט ♦ און פֿאַר וואָס זידעלט ער מיך הינטער די אויגען און פֿאַרפלעקט מיין גוטען נאָמען אַלס זשענטלמאַן ♦

VI דעם שוואַרצען צויבערשטעקען אַהער

ברודער זכריה ♦ עס איז ווינטער ערגיץ אין אַ פאַרוואָרפען לאַנד אין וועלכען איך האָב מיך אריינגעשלאָפען מיט דער הילף פון אַ ליולקע אָפּיום ♦ אַ קליינע פינסטערע שטוב מיט שוואַר־שוואַרצע פאָרהאַנגען ביי די פענסטער ♦ עס וויינען עלף־טויזענד ווינטען און געהען אַ טאַנץ ♦ אַ הויכער שד האַלט דעם קוימען אויף די ליפען און פייפט אויף איהם אוים עפּעס אַ ליעדעל ♦ אין אַ שטיינוואַזע ברענט וויירויך ♦ איך געה אַרום אין רויטען שלאָפראָק און שמייכעל ♦ דער שמייכעל ווערט באַלד געפרוירען ♦ פאַלט אַראָפּ אויפ'ן דיל ♦ ס'וויסטע געצעלט איז פול מיט מיינע פארפרוירענע שמייכלען וואָס צאַפּלען זיך ווי ווייסע שלאַנגען ♦ ס'איז קאַלט ♦ פרעמד ♦ פאַרהויב איך אַביסעל די פאָרהאַנגען זעה איך די ווייטקייטען פון אלע וועלטען צונויפגעוואָרפען ערגיץ אין אַ באַרג־ווינקעל קעגען וועלכען עס שטעהט אַ וואַנט פון שנאה ♦ ווערט מיר זים־אומעטיג ווי פון קאַלטען פריקרען ויין ♦ נעם איך די שוואַרצע שיסלען וואָס שטעהען לעבען מיר אויפ'ן דיל און שיט אַהין אַריין די בלאָהע ברי־

ליאַנטען פונ׳ם זאַק ♦ די בלאָהע פייערען ברע־
נען און גיבען פון זיך אַרויס אַ בריליאַנטענע
וואַרימקייט ♦ אַ בלאָהער רויך הויבט אָן צו
געהן פון די שיסלען מיט בריליאַנטען און כ׳שטעה
און אָטעם איין דעם רויך פון די בריליאַנט־
פייערען און איך וואַרעם מיר די הענט און די
פים ♦ און אַז סע קומט ביינאַכט נעם איך אַ
שופעל מיט בריליאַנטען און גיב עס אַ וואָרף אין
אויווען אַריין ♦ די איבעריגע פייערשטיינער
צעוואָרף איך איבער דער שוואַרצער שטוב און זיי
ברענען און ברענען ♦ אַזוי אומעטיג ♦ אַזוי
פרעמד ♦ אַזוי לעגענדאַריש ♦ ווי די געוועג־
ליכסטע רגע׳ס פון מיין לעבען וואָס זענען אַזוי
בלאָה ♦ אַזוי פרעמד ♦ אַזוי וואונדערבאַר ♦

VII בײַ אַנדערע ליגט די ליבשאַפֿט רײַן און
װײַס און קאַלט און יונגפֿרױליך • דאָס
איז די נישטגענוצטע ליבשאַפֿט • די ליבשאַפֿט
װאָס פֿאַרשװענדט זיך נישט • דאָס איז די סטע־
ריליזירטע ליעבשאפֿט װאָס בלײַבט אײביג שעהן •
אײביג יונג • אײביג פֿריש • אײביג קאַלט •
דאָס איז די װײַסע די שנײיאיגע ליבשאַפֿט • דאָס
איז די ליבשאַפֿט פֿון דעם פֿראָסט װאָס קושט דאָס
שטעהענדיגע װאַסער און פֿאַרדעקט עס • דאָס
איז די ליבשאַפֿט פֿון אַ װײַס פּעניצעל לבנה װאָס
פֿאַלט אויף אַ באַרג פֿון קאַלכשטײנער • װ ײ ַ ס
ק ע ג ע ן װ ײ ַ ס • ג אָ ר נ י ש ט ק ע ג ע ן
ג אָ ר נ י ש ט • מײַנע איז די ליבשאַפֿט װאָס
ברענט װי אַן אָנגעגליהט אײַזען • מײַנע איז
איז די ליבשאַפֿט װאָס פֿרעסט פֿײַער און יאָמערט
און װײנט אונטער דעם האַמער • װאָס זשיפּעט
דורך פֿײַער און שילט דורך װאַסער • מײַנע
איז די ליבשאַפֿט װאָס פֿורעמט זיך אױס און װערט
קיהל און זשאַװערדיג און געפֿעהרליך • מײַנע
איז די װאונדערליכע ליבשאַפֿט װאָס האָט זיך אין
טױזענד פֿײַערן אױסגעברענט און איז װי אַ
סלמנדרא פֿונ׳ם אַש אַרױסגעקראָכען און צום

טויזענטסטען מאָל געוואָרען לעבעדיג און גע־
פערליך ♦ מיינע איז די טאָפּעלזייטיגע ליב־
שאַפט וואָס קען באַנוצט ווערען אויף צו ליבען
אַזוי גוט ווי צו האַסען ♦

VIII די אַרבייטער ♦ אַלצדינג פאַרכאַפּעז
זיי ♦ וואו איהר גיט זיך אַ קעהר
זענעז זיי דאַ ♦ די וועלט איז פול מיט די אָפּ־
געריסענע שלעפערס ♦ זיי צעשפּרייטעז זיך
אַלץ ווייטער און ווייטער איבער דעם ערדקוגעל ♦
פאַר דעם פיינעם פאר דעם לייטישעז פאר דעם
נישטאַרבייטענדעז מענש מיט דעם אַריסטאָקראַ־
טישעז בלוט איז שוין באַלד נישטאָ קיין אָרט ♦
וואו איהר געהט און וואו איהר שטעהט טרעפט
איהר אַ ר ב י י ט ע ר ♦ זיי פאַרכאַפּעז אַלע
ערטער א ו י ף דר'ערד און א ו נ ט ע ר דר'ערד
און דער אַריסטאָקראַט ד ע ר ע ק ס ק ל ו ז י ־
ו ו ע ר מ ע נ ש מיט דעם הויכעז קאַפּעליוש
מוז שטעהן און צוקוקעז ♦ באַטראַכט נאַר ♦
אַלע בעסטע ערטער אין די קוילענמינעז זענעז
פאַרכאַפּט פון ארבייטער ♦ אַלע הויכע דעכער
פון נישטגעענדיגטע געביידעז זענעז פאַר־
כאַפּט פון ארבייטער ♦ אַלע אייזענפאַבריקעז
זענעז פול מיט זיי ♦ און אפילו אויף די שלאכט־
פעלדער ו ו א ו מ ע ן ב א ש ע פ ט י ג ט ז י ך
מ י ט פ א ב ר י צ י ר ע ן ה י י ס ע פ א ט ע ר ־
ל אַ נ ד ס ל י ע ב ע פ אַ ר 'ן ש ו נ א געפינט

זיך אויך אַ ריזיגע צאָהל אַרבייטער •
און אַפּילו די מעדאַלפּאבריקען זענען פול
מיט פּשוט'ע אַרבייטער • מיט שלעפּערם •
אומעטום זענען זיי דאָ • וואו איהר ווארפט אַ
בליק נ אָ ר אַ ר ב י י ט ע ר א ו ן אַ ר ב י י־
ט ע ר • אין די אונטערערדישע באַהנען • אין
די שוועבעלפאַבריקען • אויף די פעלדער • אויף
די שפּיצען פון די העכסטע געביידען • אויף די שי־
פען און א ו נ ט ע ר די שיפען • אפילו אויף די נאָך
נישט געענדיגטע בריקען קריכען זיי אַרום • אפילו
אין די קאַנאַלען און רינשטאָקען געפינען זיי זיך •
אומעטום אומעטום נאָר אַרבייטער און אַרבייטער •
און אם בעסטען ווען דו לייגסט אַוועק
ד י י ן ק אָ פּ א ו י ף ד י ז י י ד ע נ ע ק י־
ש ע נ ס א ו ן ד ו ו ו י ל ס ט ש ל אָ פ ע ן
קלינגט ער ערגעץ מיט'ן האַמער אָדער ער טומעלט
מיט דער האק אָדער ער עגבערט מיט'ן עגבויער
אָדער ער פאלט אַראָפּ פון אַ הויכער געביידע און
לאָזט אַרוים אַ נישט ראפינירטען געשריי • און
עקעלהאפטע באנדע די אַרבייטער •

IX דאָס לעבען איז ווענינער ווי אן אייזקאסטען ♦ ווענינער ווי אַ בעט ♦ ווענינער ווי אַ ביכערשראנק ♦ ווענינער ווי א זומערשפרינקעלע אויפ'ן פנים ♦ אַ בעט אָדער אַ זומערשפרינקעלע קען מען נישט פארלירען אָבער דאָס לעבען קען מען פארלירען ביי יעדער געלעגענהייט ♦ דאָס לעבען איז ווענינער ווי אַ מעשענער שליסעל ♦ ווענינער ווי אַ שטעקען ♦ ווענינער ווי אַ קידוש־גלעזעל ♦ אַ שליסעל אָדער אַ קידוש־גלעזעל קען געדויערען אַ האַלבע אייביגקייט אָבער דאָס מענשליכע לעבען קען געדויערען בלויז אַכציג אָדער ניינציג יאָהר ♦ דאָס לעבען איז קלענער ווי אַ טראָפען סם ♦ שטומפיגער ווי דער שפּיץ פון אַ פארזשאווערטען קינזשאל ♦ לייכטער ווי אַ שטריק וואָס מ'קען אָנטון אויפ'ן האַלז ♦ שוואַכער ווי דער פולס ♦ פארגענגליכער ווי כל נדרי ♦ דאָס וואונדערבארע לעבען ♦

X איך געה אויף יעדען טאָג אינאיינעם מיט דער הערליכער זון וואָס געהט אויף מיט פּראכט און גלאַנץ ◆ און איך געה אונטער יעדען פארנאַכט מיט דערזעלבער זון וואָס געהט אונטער אַזוי סצעניש ◆ אַזוי גוואלדיג ◆ איך געה אויף יעדע נאַכט צוגלייך מיט'ן ערשטען שטערן אזיפ'ן הימעל און איך לעש מיך אוים יעדען אינדערפריה אינאיינעם מיט'ן לעצטען שטערן ◆ איך בין דער טאָג ◆ איך בין די נאַכט ◆ איך בין דער בין־השמשות ◆ איך געה א ו י ף און איך געה א ו נ ט ע ר אַזוי אומערמידליך ◆ און דער נעכטיגער ש ר י י ב ע ר פ ו ן אָ ט ־ ד י ־ אָ ש ו ר ו ת איז שוין נישטאָ ◆ ער איז שוין אונטערגעגאַנגען ערגעץ הינטער די בערג ◆ מ'וויים נישט וואו ◆ און דאָם איז מיר אַזאַ שאָד ווייל דער נעכטיגער ש ר י י ב ע ר פ ו ן אָ ט ־ ד י ־ אָ ש ו ר ו ת איז דאָך געווען אַזאַ יונגער מענש און ער האָט דאָך נאָך גאָרנישט געלעבט אויף דער וועלט ◆ און דער ה י י נ ט י ג ע ר ש ר י י ב ע ר פ ו ן אָ ט ־ ד י ־ אָ ש ו ר ו ת געהט שוין אויך באַלד אונטער ◆ און באַלד מוז ער שוין ווידער אויפגעהן א ו י פ 'ס נ י י ◆ און הינטער דיה

ליגט אַ גאַנצער הימעל מיט אויסגעלאָשענע שטער
רען ♦ מיט אונטערגעגאַנגענע זונען ♦ און די
מוזט אויפגעהן איבער זייערע אַשעס ♦ די מוזט
פינקלען איבער זייער גראַנדיעזען אונטערגאַנג ♦
דאָס וואונדערבארע לעבען ♦

XI דער מענש ♦ די גוואלדיגע ערפינדונג פון דער גאָטהייט ♦ דער מענש וואָס מאַכט שמוציג די ערד מיט זיינע פיס ♦ רייבט אוים דעם הימעל מיט זייע אויגען ♦ פארבלוטיגט די שוועלען פון גן־עדן מיט זיינע וואונדיגע פים ♦ דער מענש ♦ די א י ד ע ע ♦ ד ע ר ע נ ד־צ י ע ל ♦ גאָט'ס העכסטער שטאפעל צו זיין איי־גענער גרויסקייט ♦ די לייטער אויף וועלכער די גאָטהייט קריכט אַרויף כדי זיך צו קענען אַ קוש טון אין שטערען און זאָגען אַז ס'איז אויסגעצייכענט ♦ די הייזער זענען קויטיג מיט מענשען ♦ די פעלדער זענען באפלעקט מיט מענשען ♦ די בערג זענען פארגרינט מיט מענשען ♦ דער ים איז אַרומגע־ברעגעוועט מיט מענשען ♦ מענשען ♦ מענשען אומעטום ♦ דער גאַנצער ערדקוגעל איז פאר־פרישטשעט מיט מענשען ♦ די געדערים פון דער וועלט זענען פול מיט מענשענמיסט ♦ מיט מיסטמענשען ♦ די גאַנצע וועלט ליידט פון מענשען ♦ די מענשען אַליין ליידען פון זיך אַליין ♦

XII איך בין אַזוי גוט צו מיר ♦ אַלע פּאַרנאַכט נעם איך מיך אַרויס אויף אַ שפּאַציר ♦ איך טראַקטיר מיך מיט באַנבאָנעס ♦ איך מאַך מיר קאָמפּלימענטען ♦ איך דריק מיך צו צום האַרץ ♦ פונדעסטוועגען לייד איך אַזוי שטאַרק פון מיר אַליין ♦ קען איך פון מיר כמעט נישט אויסהאַלטען ♦ אַלע אינדערפריה מוז איך אַריינוואַרפען די פיס אין צוויי לייוועגטענע תפיסות ♦ אַלע עטליכע שעה מוז איך מיר גיסען וואַסער אין האַלז אַריין און געבען די ציינער עפּעס צו טון ♦ אַלע ביינאַכט מוז איך מיך אָוועקטראָגען אין אַן איינגעמויערט שטיקעל דרויסען און זיך לייגען שלאָפען ♦ עס איז אַ זאַ אָנשטרענגונג מיינע ברידער ♦ און ביז איך טו מיך אָן און גיס אָפּ נעגעלוואַסער און קנאַק מיר אויס די ביינער און דאַווענען אָפּ עטליכע קאַפּיטלעך מאָרגענבלאַט בין איך שוין ווידער מ י ע ד און איך מוז מיך שוין אַוועקטראָגען אין אַ ווינקעל און אכטונג געבען אַז קיינער זאָל מיך נישט אויפוועקען ♦ אַך ווי איך לייד פון מיר אַליין ♦ און אַך ווי עס זעהט זיך נישט ארויס איך זאָל מיר ווען עס איז גרינגער ווערען ♦

XIII מיר געהען דורך קרומע וועגען צו גלייכ־
הייט ♦ אפשר איז דאָס גלייך אַזוי ♦
און אפשר נישט ♦ קיינער וויים נישט ♦ אפילו
די וואָס שרייבען לייטאַרטיקלען ♦ און זיי ווייסען
דאָך אלצדינג ♦ ברידער מיינע ♦ דורך אומ־
פרייע וועגען ווילט איהר צו פרייהייט דערגעהן ♦
דורך נישטברידערליכע מידות ווילט איהר די וועלט־
ברידערליכקייט דערגרייכען ♦ אַ שוועסטער
מיינע בלאָנדע און ברונעטע ♦ אַ ברידער מיינע
ראזירטע און בערדיגע ♦

XIV איהר זענט דאָך געלערענטע מענשען און איהר ווייסט אַז די סאָציאליסטען גלויבען אין דער צענטראליזאציע פון קאפיטאל ♦ זיי האלטען אַז ווען קאפיטאל וועט זיין אָנגעזאמעלט אויף א י י ן פונקט וועט זיין לייכטער איהם צו באזיעגען ♦ דיזעלבע טעאָרעטיקער גלויבען אז ס'איז א סך בעסער ה. ובען אי ; גרויסען שונא ווי אַ מיליאָן קליינע שונאים'לעך ♦ פונדעסטוועגען גלויבען דיזעלבע מענשען אַז יעדעס לאַנד דארף באהערשט ווערען פון אַ באזונדערען מענש אָדער פון אַ באזודערער צאָהל מענשען ♦ זיי האלטען נישט אַז מ'דארף לאָזען איין מדינה ד י י ט ש־ ל אַ נ ד צ ו מ ב י י ש פ י ל באהערשען די גאנצע וועלט כדי די וועלטהערשאַפט זאָל צענטראליזירט ווערען און עס זאָל דערנאָכדעם זיין גרינגער זי צו באזיעגען ♦ אַזוינע נאראָנים זענען זיי נישט ♦ זיי גלויבען נאַר אין דער צענטראליזירונג פון קאפיטאל אָבער נישט אין דער צענטראליזירונג פון מאַכט ♦ קיין אָנשטענדיגער סאָציאליסט וועט אייך נישט זאָגען אַז ס'איז גלייכער צו לאָזען קאיזער ווילהעלם באהערשען די וועלט א י י נ ע ר א ל י י ן איידער צו האָבען עטליכע הונדערט

באזונדערע וועלטערגירער • דערפון קען מען
זעהן אז ס׳איז זעהר א ו מ ל אָ ג י ש צו דערפיה־
רען אַ געדאַנק ביז צום ל אָ ג י ש ע ן פּונקט •

XV לעגענדע ♦ אַז גאָט האָט באשאפען דעם
הימעל האָט ער געזעהן אַז ס'איז גוט ♦
דאן האָט ער באשאפען די ערד און האָט געזעהן אז ס'איז גוט ♦ דאַן האָט ער די ערד באַגראָזט און ער האָט געזעהן אַז ס'איז גוט ♦ דאן האָט ער באשאפען טאָג און נאַכט און ער האָט געזעהן אַז ס'איז גוט ♦ דאן האָט ער באשאפען די באשעפע־נישען וואָס ווידמען זיך אין וואסער און ער האָט געזעהן אַז ס'איז גוט ♦ דאן האָט ער באשאפען די חיות וואָס ווידמען זיך אויף דר'ערד און ער האָט געזעהן אַז ס'איז גוט ♦ דאן האָט ער באשאפען דעם מענש אין זיין אייגען געטליך געשטאַלט און ער האָט כ ל ו מ ר ש ט געזעהן אַז ס'איז גוט ♦ נאָר אַז ער האָט אַ קוק געטון אויף דער אָ פּ ־ ש פּ י ג ל ו נ ג פ ו ן ז י י ן ג ע ש ט א ל ט וואָס איז ארומגעגאַנגען אין גן־עדן און געגעניצט און זיך געקראצט הינטער'ן אויער האָט זיך דער הערגאָט שרעקליך פארשעמט פאר זיך אַליין און האָט אויפגעהערט צו אַרבייטען ♦ יעהאָוואַ האָט ווידער א קוק געטון אויף דעם מענש און האָט געטראַכט אַז אָדער ער איז אַ שלעכטער שפּיגעל־מאכער אָדער ער האָט טאקע זעהר א נאריש פּנים ♦

אין ביידע פאַלען איז בעסער ער זאָל זיך איינשליסען
אין הימעל און פארוואַרפען דעם שליסעל • און
פון דעמאָלט אָן איז דער הערגאָט פארבליבען אין
הימעל • אָהן חשק צו אַרבייטען און אָהן ווילען
צו ע נ ט א ר ב י י ט ע ן דאָס אָנגעאַרבייטע •

XVI איך בין די בייטש וואָס טרייבט און פאַר־
פאָלגט אַלע וואָס קומען מיר אנקעגען ♦
איך בין די סוויסטשענדיגע בייטש וואָס לאָזט זיך אַראָפּ איבער דעם געבויגענעם רוקען פון דעם זינדער ♦ איך בין די בייטש וואָס בלוטיגט און טוט וועה און ווען זי ריהרט אָן לאָזט זי איבער אייביגע צייכענס ♦ איך בין די בייטש וואָס לאָזט זיך אַראָפּ מיט כעס איבער דעם פּנים פון דעם פרעכלינג און וואָס קנאַקט איבער דער פּלייצע פון דעם נאַרענטרייבער ♦ איך בין די בייטש וואָס שלאָגט און האלט אַלעמען אין שרעק ♦ אָבער איך שלאָג קיינעם נישט אַזוי גרויזאם ווי מ י ך אַ ל י י ן ♦ און ווען איך פארוואונד אייער לייב ווער איך אַליין פארוואונדעט ♦ און ווען איך וויין מיט א סוויסטש איבער אייער רוקען וויין איך איבער מיין אייגען מזל וואָס האָט מיך באשאפען פאר אַ בייטש וואָס דאַרף ש ל אָ ג ע ן ד י ש ו נ א י ם מ י ט ז י ך אַ ל י י ן ♦ איך בין די בייטש און מיר טוט אַזוי וועה ווען איך שלאָג אייך ♦

XVII

קיינמאָל איז ביי מיר נישט אַזוי זומערדיג
ווי אין ווינטער צייט ♦ עס בליהט דער
פראָסט ♦ איך זעה וואונדערבארע זומערדיגקיי־
טען ♦ איך זעה ווי די קאַרשען בליהען ♦ די
ווינשעל צוויעטען ♦ די רויזען ווערען אויסגערע־
גענבויגענט אויף זייערע בוימלעך ♦ פארזומערט
איז דאָס לאַנד פון מ י י ן ווינטערדיגען חלום ♦
פריש און גרין איז דער אָטעם פון די בערג ♦
יוניגאָלד הענגט ווי אַ נעץ איבער דער ערד און אונ־
זערע חלומות צאַפּלען זיך דאָרט ווי דורכזיכטיגע
פליגען ♦ עס איז זומער ♦ זומער אומעטום ♦
דער עפּעלבוים שמעקט און דער בארענבוים גרויסט
זיך ארויף צו די העכסטע הימלישקייטען ♦ דער
גלעזערנער זומעררעגען איז אַזוי ליכטיג און פונ׳ם
האַרץ רייסט זיך די ליבשאַפּט אַרויס און וואַרפט
זיך אויף דער וואַרימער ערד און צעשניידט זיך אָן
שאַרפען ברעג פון דינעם זומערווינט ♦ ווינטער ♦
אויף דער ערד ליגט שוואַרצגעוואָרענער שניי ♦
די לופט איז פייכטקאַלט ♦ די בערג זענען
עלענד און אָפּגעריסען ♦ די בוימער זענען גע־
לאַנגוויילט און האָפּנונגלאָז און זיי גענעצען מיט
זייערע צווייגען קעגען הימעל ♦ עס איז וויג־

טער ♦ דעצעמבערדיג ♦ קורצטאָגיג ♦ פראָסטיג ♦ אַ שווינדזיכטיגע זון קרענקעלט אַראָפּ איהר פאַרדעכטיגען שמייכעל מיט אַזאַ שטערבליכער מידקייט ♦ די לעצטע פליג ביי מיר אין שטוב שלאָפט אויף דעם גאַזורעהר לעבען פייער ♦ די ווייסע קאַץ האָט זיך אויפגעהאָרבעט ווי אַ קעמעל און רייבט זיך ביי מיינע פאַנטאָפעל ♦ דורכ׳ן פענסטער זעה איך פוילע שנייפליטער וואָס נידערען אַראָפּ ווי שטרבענדיגע שמעטערלינגען ♦ מיינע באַשטעקטשיכטע פיס וואַרימען זיך קעגען דעם אויוועןפייער ♦ מיין ליולקע רויכערט און שיט מיט פונקען ווי אַ פייערשפייענדיגער באַרג ♦ און איך זיץ און איך טראַכט זיך אַוועק אין דעם שענסטען זומערלאַנד וואו פאַזימקעס שמייכלען און מאַרעלען לאַכען פון די בוימער אַרונטער און מיידלעך געהן באָרוויס און די ערד איז שיכור פון גרינער פרייד ♦ אַ וואַרימע אייביגקייט צערינט זיך דורכ׳ן בלוט און די נשמה ווערט גרינג און זומערדיג ♦ ווי שעהן איז דער זומער אום ווינטער ♦ ווי דייטליך ♦ ווי קלאָר ♦ ווי רייצענד ♦ אָבער אין זומערצייט געהט איהר איהם פארביי און באַמערקט אפילו נישט זיין גרינקייט ♦ זיין זוניקייט ♦ זיין כישוף ♦ ווי וואונדערבאַר איז דער גרין־בלאָהער זומער וואָס ווערט אויסגע׳חלומ׳ט אויף דער קאַנווע פונ׳ם גראָהען ט ו י ט ל י כ ע ן ווינטער ♦

XVIII

אַנטקעגען מיין הויז שטעהט אַ קלוי־
סטער • אַ גרינבאַגראָזט קלויסטער •
אַ פֿאַרוואָרפֿען קלויסטער • אָהן קלאָקענקלאַנ־
גען • אָהן תפילות • שטיל און פֿאַרוואָרפֿען •
ווער דאַרף קלויסטערס אין אַזוינע נישטקלויסטער־
ליכע צייטען • און די גלאָקענהערצער הענגען
אין דער הויך פֿאַרשטומט און שווער • נאָר
אַמאָל גיט עפּעס אַ פֿאַרליבטער נאַרישער ווינט אַ
ריהר דאָס האַרץ פֿון אַ לאַנגפֿאַרשוויגענעם גלאָק
און עפּעס אַן איינזאַמער קרעכץ פּרובט זיך שטע־
לען אויף די פֿיס און קען נישט • און דאָס קלוי־
סטער כאַפּט זיך אויף און קוקט זיך אַרום מיט
ליבשאַפֿט צום ווינט • ווינט ווינט
גלעט נאָך אַביסעל • לאָמיר הע־
רען מיין אייגען קול צי איך
בין נאָך נישט שטום • אומעטיג •
אומעטיג • אויפֿ׳ן קלויסטערפֿענסטער שטעהט אַ
ברודער מיינער מיט אַ בלאָנדער באָרד און וויל
אַרויס און קען נישט • און איך הער כמעט
ווי ער קלאַפּט מיט די פֿויסטען אין׳ם פֿאַרביגען קלוי־
סטערפֿענסטער און שרייט • לאָזט מיך
אַרויס איך וויל נישט שטעהן

צווישען גוים ♦ קעגען מיין הויז שטעהט א קלויסטער ♦ אויף איינער פון די קלויסטער־פענסטער שטעהט נעבעך אן אָרימער פיעלגעפיי־ניגטער איד און וויל זיך שאָקלען ביים דאווגען און קען נישט ווייל ער איז א טייל פונ׳ם פענסטער ♦ גאָט ♦ האָב רחמנות אויף דיינע עלענדע זיהן וואָס הענגען אויף די קלויסטער־פענסטער ♦

XIX

עס דרעהט זיך די וועלט ♦ עס דרעהען זיך די פֿלאַנעטען ♦ עס דרעהט זיך דער מענש ♦ עס דרעהט זיך די ליעבע ♦ עס דרעהט זיך דער טויט ♦ אפילו דער ד ר ע ה ע ר פֿון די אלע זאַכען דרעהט זיך א ו י ך ♦ עס דרעהט זיך די וועלט און אַלצדינג א ו י ף דער וועלט און א ו נ ט ע ר דער וועלט און א י ב ע ר דער וועלט ♦ אוּן דער מענש דרעהט זיך מיט עפּעס אַ תורה אין דער האַנד און ער זוכט אַ זין אין דעם ליידיגען דרעהטאַנץ ♦ און קינדער מיט פֿאַנען דרעהען זיך ארום די טענצער וואָס דרעהען און דרעהענזיך ארום די טענצער וואָס דרעהען און דרעהענזיך אַזוי לאַנג ביז וואַנעט זייערע תורות הויבען אַן פֿאלען פֿון די פּיס ♦ אינאיינעם מיט די טענצער ♦ אינאיינעם מיט׳ן בעלעמער ♦ אינאיינעם מיט דער שול ♦ אינאיינעם מיט דער רונדער שיכורער טאנצענדיגער זינגענדיגער וועלט ♦ קינדער מיט פֿאַנען טאַנצען ארום אלטען שמות ♦ ארום ליידיגע שטיקלעך פּאַפּיר ♦ ארום אַן אידעע ♦

XX דער זומער האָט זיך אריינגעביסען מיט זיינע גאָלדענע ציין אין דעם ווינטער׳ס ברוינעם לייב און דער ווינטער צאַפּעלט זיך און ציטערט און שלאָגט מיט די דאַרע הענט איבער׳ן פאר׳עקשנ׳טען קאָפּ פונ׳ם זומער ♦ און דער זומער שמייכעלט איבער דעם ווינטער׳ס אומ־גליק ♦ דער לעצטער ווערט זיך און בייזערט זיך אָבער די פיינע קאָקעטישע גלעטענדיגע האַנט פונ׳ם זומער שטילט איהם איין ♦ צוימט זיין בלוט ♦ באַרוהיגט איהם און הייסט איהם מיט־שמייכלען ♦ און דער געדולדיגער איינגעצוים־טער ווינטער וועט שווייגען אַזוי לאַנג ביז וואַנען עס וועט אין איהם פּלאַצען די געדולד ♦ ביז וואַנען די פאלש־זומערדיגע שמייכ־לען וועלען זיך איהם איינעסען אין די ביינער ווי סם ♦ די נאַרישע סענטימענטלעריי וועט איהם דענערווירען און ארויסברענגען פון געדולד ♦ דער־מאָלט וועט דער ווינטער אויף זיך צערייסען דאָס ווייסע העמד און עס לאָזען פליהען אין דער לופט ♦ מיט אַ געשריי וועט ער זיך געבען אַ לאָז אַראָפּ פון די בערג ♦ וויינענדיג ♦ פּווים־טשענדיג ♦ קלאָגענדיג ♦ עפּעס

וועט זיך ברעכען אונטער זיינע פיס ווי גלאָז •
איינגעבויגען מיט אַן א ו י פ ג ע ה ו י ב ע־
נ ע ם נ אָ ק ע נ ב י י ן ווי ביי אַן אָקס וואָס
וויל אויף עמיצען אָנפאַלען וועט ער לויפען און
שרייען און געוואַלדעווען דער צו־זיך־געקומענער
ווינטער וואָס האָט זיך סוף־כל־סוף אָפּגעבונדען
פון די פאַרפיהרערישע שמייכלערייען פון דער
זומער־מיידעל וואָס האָט זיינע כחות דערשטיקט
אונטער אַ בונט פון רויזענדיגע ליבעסרייד •

XXI דער ווינטער קומט ♦ דער ווינטער
געהט ♦ זיץ איך מיט פארמאַכטע
אויגען און רויכער מיין ליולקע ♦ עס איז הויך־
ווינטער אויפ'ן לאַנד ♦ פאַלט דער שניי ♦
דער בלאָליכער שניי ♦ פון גאָט'ס האַנט אַרוים
שיטען זיך די קליינע פיינע קרישטאַלען ♦ און
עס איז אַזוי שטיל און וויים ♦ און די פעלדער
און וועלדער ווערען פארוויסט און פארקלאָרט און
אויך מיין נשמה ווערט וויים און בלאַנק און שטיל ♦
אין מיינע אויגען בליהט דער טויט־ריינער שניי ♦
אין מיין בלוט רינט וויים־ווייסער שניי ♦ און
מיינע געדאנקען זענען פארליכטיגט און איינ־
געזונגען ♦ רוהיג ♦ שטיל און גע־
זאַנגיג ציהען זיי דורך מיין אַלצדינג ♦ ווי דער
שניי ♦ ווי דער ווייסער שיינענדיגער שימערי־
רענדיגער שניי ♦ דער ווינטער קומט ♦ דער
ווינטער געהט ♦ וואוילהאבענדע דיכטער שיטען
זיך אָפּ פוהרלעך מיט קוילען ♦ וועזוריקעס באַ־
האַלטען זיך אין זייערע נעסטען און קנאַקען נים ♦
דער בלייכער פאַרסט עסט מאַרך־ביינער כדי ער
זאָל באַקומען אַ געזונטערע פאַרב אין די באַקען ♦
פייגעל פליהען אַוועק אין די ווארימע לענדער און

בענקען נאָך די קאַלטע ♦ זאַווערוכעס פליהען
אַוועק אין די קאַלטע לענדער און בענקען נאָך די
וואַרימע ♦ מענשען פליהען אין ערגעץ נישט
אַוועק און בענקען סיי ווי סיי ♦ דער ווינטער
נעהט ♦ דער ווינטער קומט ♦

XXII

די געזעצמאַכעריי געהט ארוים פון דעם פונקט אַז דער מענש איז בטבע נישט קיין שלעכטער און אז ער האָט אַ גוט האַרץ און דאריבער דאַרף מען מאַכען געזעצען כדי איהם צו פארהיטען פון זיך זעלבסט ♦ וויל אַ מענש געבען אַ נדבה אַ בעטלער געפינט ער אז דאָס געזעץ ערלויבט נישט קיין בעטלעריי ♦ וויל ער זיך פאַר'שיכור'ען און ווערען אַ בעסערער מענש איז עס פארבאָטען פון געזעץ ♦ וויל ער זיך אַראָפּוואַרפען פון בריק און אָפּגעבען גאָט זיין נשמה ווייל ער פיהלט אז עס איז צו אַ ווערט־פולע זאַך צו טראָגען ביי זיך מישט זיך אַריין דאָס געזעץ און לאָזט איהם נישט ♦ און מיר אַליין אין אונזערע שעה'ן פון שוואַכקייט מאַכען מיר זיך געזעצען ♦ נישט צו באָרגען קיינעם מעהר ווי פינף דאָלאַר ♦ נישט צו לויבען יענעם צופיעל ♦ נישט רחמנות צו האָבען אויף אַ סאָציאַלדעמאָ־קראַט ♦ נישט צו זאָגען גוטמאָרגען צו פרעמדע מענשען ♦ נישט צו קושען קיין אומבאַקאַנטע מיידלעך ♦ און מיר מאַכען זיך די דאָזיגע גע־זעצען דערפאַר ווייל מיר פיהלען אז בטבע זענען מיר אַ גאַנץ וואוילער מענש און אז מיר דאַרפען

האָבען אַ געזוּעץ וואָס זאָל אוּנז צוריקהאַלטען פוּן
באַגעהן צ ו פ י ע ל מענשליכקייט ♦וויל מ'איז
דאָך נישט מעהר ווי אַ מענש ♦

XXIII

א בלאָה־בלאַסע ♦ מיט עלפאַנטביין
גלידער ♦ מיט שוואַרצע ראַנדען
אונטער די אויגען ♦ אַ שוואַכע ♦ אַ קראַנק־
ליכע ♦ אַ צעבראָכענע ♦ מיט נישט זיכערע
טריט געהט זי איבער דער גאַס ארויף און אַראָפּ ♦
עס איז קאַלט און עס וויינט אַן אומעטיגער רעגען ♦
איהר אונטערשטע ליפּ ציטערט אין אַ שטילען
כליפּ ♦ איהרע אויגען אַ ר ו ם ג ע פּ י נ ז ע ל ט
מ י ט ש ו ו אַ ר צ ע ר פּ אַ ר ב זענען ליידיג
און אויסגעשעפּט און וויסט ♦ איהר קערפּער איז
דין און פויגליש געבויגען ביים נאַקען ♦ זי הוסט
מיט אַ פאַרדעכטיגען הוסט און ווישט זיך די ליפּען
מיט אַ געפלעקט טיכעל ♦ מיט שטילע וויינענ־
דיגע טריט געהט זי ארויף און אַראָפּ איבער דער
גאַס ♦ עס וויינט איהר יונג לייב ♦ עס קלאָגען
די האָר וואָס זענען צעשויבערט איבער איהר בלאַס
פּנים ♦ עס וויינט די ערד אונטער איהרע טריט ♦
עס וויינט דער שטרענגער הימעל ♦ עס וויינט
איהר עלענד האַרץ דורך טרוקענע טויטע אויגען ♦
מען רופט זי ד אַ ס פ ר ע ה ל י כ ע מ י י ד ע ל ♦

XXIV

די היסטאָריע פון לאַנגווײלע ♦ אַז יעהאָוואַ'ן איז געוואָרען לאַנגווײליג האָט ער באַשאַפען אָדם'ען ♦ אַז אָדם'ען איז געוואָרען לאַנגווײליג האָט ער זיך געלאָזט אויס־שנײדען אַ חוה'ן פון זיך זעלבסט ♦ אַז בײדען איז געוואָרען לאַנגווײליג האָבען זײ זיך אויסגע־טראַכט אַ שלאַנג ♦ אַז דעם שלאַנג איז געוואָרען לאַנגווײליג האָט ער צו זײ גענומען רעדען וועגען עפעל ♦ אַז אָדם־און־חוה האָבען געזעהען אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו טון האָבען זײ גענומען זוכען טראָבעל ♦ אַז גאָט האָט געזעהען אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו טאָן און אַז ער איז מיד געוואָרען פון פוצען די לבנה מיט'ן אַרבעל און פון שפײען אויף די שטערען האָט ער גענומען און אַרויס־געטריבען זײנע קינדער פון דעם גן־עדן ♦ איז זײ געוואַרען לאַנגווײליג האָבען זײ זיך געפּאָרט און געהאַט קינדער ♦ האָבען זיך די לעצטע גענומען לאַנגווײלען און קריגען ♦ האָט קין גע־זעהען אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו טאָן האָט ער גע־נומען און דערלאַנגט זײן ברודער הבל איבער'ן קאָפּ ♦ האָט דער לעצטער געזעהען אַז ס'איז לאַנגווײליג האָט ער גענומען און געשטאָרבען ♦

האָט יעהאָוואַ געזעהען אַז ס׳איז נאָך אַלץ לאַנג־
ווייליג האָט ער גענומען און אַ קאַפּעטשקע פאַר־
שאָלטען קין׳ען ♦ און אז קין האָט געזעהען אַז
ס׳איז נישטאָ וואָס צו טון האָט ער באַשלאָפען זיין
ווייב און דערפון איז ארויסגעקומען די באַריהמטע
משפחה חנוך און למך און נח און חם און די איב־
ריגע דאָרטען ♦ און אַז די מענשען האָבען גע־
זעהען אַז ס׳איז לאַנגווייליג האָבען זיי זיך אַוועק־
געזעצט אונטער׳ן שאָטען פון זייערע אייגענע נישט־
געשוירענע האָר און גענומען מקנא זיין זייערע
שכנים ♦ האָבען זיי זייערע שכנים צוריק
מקנא געווען ♦ האָט גאָט געזעהען אַז ס׳איז נאָך
אַלץ לאַנגווייליג האָט ער געמאַכט א מבול און ס׳איז
געוואָרען לעבעדיג ♦ האָט נח געזעהען אז
ס׳איז נישטאָ וואָס צו טון האָט ער גענומען זיך
אַרומפּאַטשקען מיט אַ תיבה און זיך שפּילען מיט
די וועווריקעס און מיט די פיפערנאָטערס ♦
דערנאָך האָט ער באַשלאָסען עפענען א צירק
און ארומפאָהרען איבער דער וועלט ♦ האָבען
די חיות געזעהען אז ס׳איז לאַנגווייליג האָבען
זיי גענומען טענה׳ן צו נח׳ן אז זיי קענען נישט
פארטראָגען אזא וואסערדיג לעבען ♦ האָט נח
ארויסגעשיקט די באריהמטע טויב ♦ האָט די
טויב געזעהען אַז ס׳איז לאַנגווייליג האָט זי גע־
נומען און צוריקגעקומען ♦ האָבען אַלע גענומען
געניצען און נח האָט געגעניצט מעהר פון אַלע ♦
און דער פיפערנאָטער און דער ציגענבאָק און דער
לינדענוואָרים האָבען געגעניצט עד לב השמים ♦
האָט גאָט געזעהען אַז אפילו אַ מבול איז אויך

לאַנגוויילִיג האָט ער גענומען און גערֹאַטעוועט די
וועלט און פאַרענדיגט מיט א רעגענבויגען ♦
אַז ער האָט אויפגעהאנגען דעם נעמליכען רעגענ־
בויגען האָט ער געמיינט אַז מ׳וועט איהם צו׳גנב׳־
ענען וועט ער זיך בייזערען און שילטען און סע
וועט זיין אַ שטיקעל צייטפאַרטרייב ♦ האָט
גאָט געזעהען אַז מע טשעפעט נישט דעם רעגענ־
בויגען האָט ער גענומען און געשפּילט טעאטער און
געשוואוירען אַז מעהר וועט ער נישט ברענגען
קיין מבול אויף דער וועלט אַזוי זאָל איהם גאָט
העלפען ♦ און איצט לאָז מען געהן עפּעס טרינ־
קען ♦ האָט נח געגעניצט און געזאָגט ע ס א י ז
נ י ש ט אָ ו ו אָ ס צ ו ט ר י נ ק ע ן ♦ האָט
יעהאָוואַ אַ געניץ געטון און איהם געהייסען פאַר־
פלאַנצען אַ וויינגאָרטען און אונטערוואַרטען
ניינציג יאָהר וועט זיין וואָס צו טרינקען ♦ האָט
נח זיך אונטערגעשפּרייט די ווייסע באָרד און זיך
אַוועקגעזעצט אויף איהר און געוואַרט און געגע־
ניצט ♦ האָט ער געזעהען אַז ס׳איז שרעקליך
לאַנגוויילִיג האָט ער גענומען און אויסגעטרונקען
דעם וויינגאָרטען ר ו י ה ע ר ה י י ד און גענו־
מען פון זיך אַרונטערגעניצען די קליידער ♦ האָ־
בען די מענשען געזעהען אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו
זעהן און אַז ס׳איז לאַנגוויילִיג האָבען זיי באַשלאָ־
סען צו קריכען אין הימעל אַריין ♦ האָבען זיי
גענומען בויען דעם טורעם פון בבל ♦ האָט גאָט
געזעהען אַז די געלאַנגווייִלטע נודניקעס קריכען
צו איהם האָט ער געטראַכט ע ס א י ז מ י ר
ג ע נ ו ג ל אַ נ ג ו ו י י ל י ג אָ ה ן ז י י ♦

האָט ער גענומען און זיי צעמישט די לשונות ♦ האָבען די מענשען געזעהען אַז קריכען אין הימעל אַריין קען מען נישט ♦ האָבען זיי געטראַכט ס׳איז שרעקליך לאַנגווייליג און זיי האָבען גענומען געניצען און זיך שניידען די העלזער איינס ס׳אַנדערע און רעדען אויף אַזוינע שפּראַכען וואָס זיי האָבען אַליין נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי רעדען ♦ איז זיי געוואָרען אונגעהויער לאַנגווייליג ♦ און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער ♦

XXV

דער זוכענדיגער מענש און איך ♦ איך עפען אויף די טיר פון'ם פינסטערען קעלער וואָס רופט זיך וועלטגעהיימניש צינד אָן אַ שוועבעלע גיב אַ קוק אַריין זעהר לייכט און אויבערפלאַכיג און כ'זעה אַז מ'זעהט נישט ♦ קום איך צוריק און זאָג חברים מ'זעהט נישט און איך זעץ מיך אַוועק שפילען דאָמינאָ ♦ דער פילאָזאָף צינדט אָן אַ לאַמטערן און הייסט זיך אונטערפיהרען צום פינסטערען אריינגאנג מיט א קאפעליע מוזיק ♦ דאַן לאָזט ער זיך אַריין אינווייניג און ער געהט און געהט און בלאָנזשעט און בלאָנזשעט ♦ אין צוויי־און־זעכציג יאָהר ארום קומט ער צוריק פאַרשטויבט אַלט פאַרוואַקסען דערשלאָגען האַלבטויט און ער זאָגט מ'זעהט נישט ♦ דער חילוק צווישען אַ פילאָזאָף און אַ נישט־פילאָזאָף איז דאָס וואָס דער פילאָזאָף אַרבייט אַ לאַנגע צייט אויף צו דערגעהן אַז מע קאָן נישט דערגעהן גאַרנישט ♦ בעת דער נישטפילאָזאָף באָדט זיך אַלע טאָג און שרייבט ליעבעסבריעף און געהט שפאַצירען און שמייכעלט און לייענט די

ט י י מ ז און יוייסט אויך אַז מע קאָן נישט דער־
געהן גאָרנישט • דער פילאָזאָפישער מענש דער־
געהט צו גאָרנישט מיט שווערער מיה און געוואַל־
דיגע קאָסטען • ז'ער געוועהנליכער מענש דער־
געהט צו גאָרנישט אָהן שום אָנשטרענגונג •

XXVI איבונג אין פילאָזאָפישע פאראדאָקסען ♦

א זאַך וואָס א י ז נ י ש ט קען נישט נ י ש ט־זיין ♦ נישט־זיין קען בלויז א זאַך וואָס א י ז דעריבער מוז מען זאָגן אז אפילו די זאַך וואָס איז נ י ש ט איז אויך אביסעל ♦ אז נישט וואָלט זי דאָך נישט געקענט נ י ש ט ־ ז י י ן ♦ יעדע זאַך וואָס איז נישט א י ז ♦ דעריבער איז שוין מעגליך אַז זי זאָל נישט־זיין ♦ נאָר אַזוי ווי יעדע זאַך וואָס א י ז קען נישט נישט־זיין דעריבער מוזן מיר זאָגן אַז יעדער זאַך וואָס איז נישט א י ז ♦ און דעריבער קען זי נ י ש ט זיין ♦ דעריבער א י ז זי ♦ דעריבער איז זי נ י ש ט ♦ דעריבער א י ז זי ♦ אַך איך האָב אזא שרעקליכען קאָפּ־וועהטאָג ♦

XXVII

גאָט האָט אויסגעפּוצט די וועלט אין דאָס שענסטע און בעסטע ♦ ער האָט אויסגעשניצט די האַרטע פעלזען ♦ האָט אויפגעהאַנגען די פייערליכע זון ♦ האָט אַוועקגעשטעלט דעם באַריהמטען וואַלד ♦ און איבער דעם וואַלד האָט ער צעשאָטען די וואונדערבאַרע נאַכטיגאַלען זיי זאָלען מאַכען פּי־פּי ♦ ער האָט זיך געמיהט און געאַרבייט און א ו י ס ג ע ש ט אַ ט ע ט אַלצדינג מיט גרויס מיה און מיט גוואַלדיגע קאָסטען ♦ אַלצדינג איז אַזוי נאַטור־געטריי ווי מעגליך ♦ אפילו פליגען פעהלען נישט ♦ און אפילו מ ו ר אַ ש ק ע ס ♦ און אפילו ו ו אַ ל ד ל י י ז ♦ און פ ל י י ה ♦ און ל י נ ד ע נ ו ו ע ר י ם ♦ אַלצדינג ווי עס פאָדערט זיך ♦ און מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט און נישט געזשאַלעוועט ♦ נאָך אַ פלוי ♦ נאָך אַן עלעפאַנט ♦ נ אַ ך א ווערוויקע ♦ נ אָ ך עטליכע ימים ♦ און אַלץ כדי דער מענש זאָל זיך אַוועקשטעלען און שטוינען און נישט אויפהערען צו שטוינען ♦ און ער זאָל זיך אַזש צעוויינען פון באַוואונדערונג און ער זאָל אויסרופן [illegible]ך א י ז ד אָ ס אַ ג אָ ט ♦ אַ ן אַ ר־

טיסט ◆ זאָ וואַהר איך לעב ◆
און ער זאָל אַרויפפאַלען זיין פריילין אויף די אַקס־
לען און זיך צעוויינען ווי אַ קינד און מע זאָל איהם
נישט קענען איינשטילען ◆ צום סוף געהט ער
פארביי מיט זיין כלה פארטיפט אין פארשידענע
זאַכען און אַז ער דערזעהט דאָס הערליכע זונ־
אונטערגענגעל ביים ברעג פון׳ם ים און ווי דאָס
הימעלכען איז אויסגעפוצט אַזוי פיין און די פעלזען
זענען אַרומגעהובעלט און די ווינטען זענען אויסגע־
פרעסט און די וואסערען זענען אָפגעגלאנצט און די
נאַכטיגאַלען זענען זינגעוודיג גיט ער זיך אַ קוק אום
און זאָגט ס׳איז נישט שלעכט ◆ און זיין כלה
מאַכט זיך צורעכט די לאָקען און זאָגט נישקשה
און מע׳געהט ערגיץ אַוועק ◆ איז עפעס אַ חידוש
וואָס די גאָטהייט איז אַזוי אויפגערעגט און וואָס זי
הרג׳עט אוים אַזוי פיעל מענשען ◆ האָט זיך
איהר געלוינט פרעג איך אייך צו באשאַ־
פען אַזוי פיעל באוואונדערער אַז די באוואונדערער
באוואונדערען גאָר זיך אַליין אָנשטאָט
זייער פריוואטען באשעפער ◆

Ex bibl. ...

XXVIII אַ שאָף איז נאַקעט און אַ מענש איז נאַקעט ♦ אַ נאַטירליכער צושטאנד ♦ טראכט מען אויב די גאָטהייט וויל אַז די מענשען זאָלען זיין מאָראליש טאָ פארוואָס קאָנען זיי נישט געבוירען ווערען מיט אונטערוועש און קאַפּלושען ♦ איז קיין ענטפער נישטאָ ♦ נאָר אַ שטיקעל אויסוועג ♦ פאָרט ציוויליזאציע ♦ נעמען מיר און מיר בייטען אוים אונזער נאקעטקייט פאַר אַ שאָפּ׳ס ♦ און מיט אַ שאָפענעם טוליפּ אויפ׳ן לייב קאָנען מיר שוין קומען אין דער פיינסטער און נאָבעלסטער געזעלשאפט ♦ ווען אונזער נאַקעטקייט איז נישט קיין מ ע נ ש ל י כ ע נאָר אַ ש אָ פ ע נ ע דארפען מיר זיך שוין נישט שעמען מיט איהר ♦ אַ בושה איז נאָר צו טראָגען די אייגענע הויט אָבער נישט קיין קעלבערנע אָדער הינטישע ♦ אדרבא ♦ נאָר די חיות זענען נעבעך גרויסע בהמות ♦ געהען זיי אַרום מוטערנאַקעט און עס פאלט זיי נישט איין צו נעמען און איבערבייטען ז י י ע ר נאַקעטקייט פאַר א ו נ ז ע ר ע ר ♦ עד ווען שאָף וואָלטען געהאט שכל ♦ וואָלטען זיי אָפּגעשונדען אַ מענשענהויט און זיך געמאַכט דערפון אַ וויים טוליפּעל אויף פריהלינג ♦

XXIX

נעכטען בין איך געווען ביים ים ♦ עס איז געווען וואַרים אין דרויסען און די שטים פֿון זאַלצוואַסער און פֿרישע לופֿט האָט מיך כמעט גערופֿען און אַ חבר האָט מיך געשלעפּט איך זאָל וואַנדערען ♦ פֿאָהר זיך אַביסעל דורך האָט ער געזאָגט ♦ זעה די נאַטור ♦ עס איז איצט פֿריהלינג ♦ זיינע רייד זענען מיר געפֿעלען אויף די אויערען ווי געטרייע וויינענדיגע שוועסטער ♦ איך האָב זיך געפֿוילט צו געפֿינען עפּעס א גוטען תירוץ פֿאר וואָס איך זאָל נ י ש ט פֿאָהרען ♦ איך האָב מיך מיט איהם מיטגעפּלאָנטעט און זיך דערפּלאָנטעט צום ים און זיך געננומען ארומפּלאָנטען ארום די וואסערען און ארום די ליידיגע זאמדען ♦ עס איז געווען א וואוילגעפּוצטער טאָג ♦ די נאטור האָט מיטגעווירקט אויפ׳ן פּראָגראם ♦ דער ליעבער ים האָט זיך געקאטשעט ווי עפּעס א האלב ווילדע חיה קאטשעט זיך אין מיסט ♦ אלצדינג איז געווען בלאָנד און נאריש און ליעבליך ווי א דייטשע מיטעליעהריגע געליעבטע ♦ אומעטום איז געווען שטיל און פֿאַרשלאָפֿען ♦ די זון אויבען אין די גאָטגעבענשטע הימלען האָט ארונטערגעגאָסען מיט געלען

גאָלד־וואסער ווי א ק ר א נ ק ע ר מ ע נ ש ♦
און די נידריגע בענק צוגענאָגעלט צו דער ערד און
מיט אויסגעקרימטע אייזערנע פיס האָבען אויסגע־
זעהן ווי זיי וואָלטען געליטען פון רומאטעס ♦
זיי האָבען אויסגעזעהן ווי איך אליין ווען איך ליג
אויף אַלע פיער און בין שטיל־פאַרצווייפעלט און קאָן
נישט אוועק קריכען פון זיך זעלבסט ♦ ערגעץ
ווייטער לעבען באָרטען פון ים איז געווען א
פ ר י י ע באנק וועלכע איז נישט געשטאַנען נאָר
ג ע ז ע ס ע ן האַלב־אָנגעלענט גרייט זיך אויפצו־
הויבען און אוועקצוגעהן ♦ זי האָט דאכט זיך
געזאָגט ז ע ה ט א י ה ר ב י י מ י ר א י ז
ע ס ג אָ ר נ י ש ט ♦ א ז א י ך ז אָ ל נ אָ ה
ו ו ע ל ע ן ג י ב א י ך א י מ י צ ע ן א ב ע ט
נ ע מ ט ע ר מ י ך א ו ו ע ק ♦ נאָר דערווייל
ו ו י ל א י ך נ י ש ט ♦ נעכטען בין איך גע־
ווען ביים ים און ער האָט מיר אָפּגעגעבען א גרוס
אז ער גרייט זיך צו אנטלויפען און אפשר זאָלען
מיר לויפען צוזאמען ♦ און וואָס זאָל ער טון ♦
און אך ער איז אזוי שלעפּעריג ♦ עווהע ווי עס
שלעפּערט איהם ♦ נעכטען בין איך געווען ביים
ים מוז איך עס אייך דערצעהלען ♦ ווייל ס'איז
זעהר וויכטיג פאַר דער געשיכטע צו וויסען וואו
איך בין נעכטען געווען און פארוואָס מען האָט מיך
א גאנצען טאָג נישט געזעהן אין קאפּעהויז ♦

XXX

אין מיין טאָגבוך וואָס איך האָב געקראָ־
גען א מתנה פון מיין געליבטער כינעזער
רין שטעהט פארשריבען ♦ א ווינטעל האָט זיך
פארבלאָנזשעט אין מיין שטוב אריין ♦ האָב
איך געזאָגט מיין הויזדינער ער זאָל עס ארויס־
טרייבען ווייל איך דארף נישט קיין פרעמדע
ווינטלעך ביי מיר אין שטוב ♦ מיין דינער
האָט אָנגענומען ס׳נעמליכע ווינטעל אונטער׳ן
אָרעם און עס געוואָלט ארויספיהרען ♦ אָבער
ס׳איז נעבאך געפאלען פון די פיס ♦ ס׳איז געווען
א שיכור ווינטעל ♦ פון מויל האָט זיך געפיהלט
מאיווין און עס האָט עפּעס אזוי פיין געשמייכעלט
און געפלאפּעלט און געבעטען ענטשולדיגונג ♦ עס
איז געפאלען אויף דער שוועל און זיך אויפגעהויי־
בען און ווידער געפאלען און ס׳האָט דערצעהלט אז
סע קומט ערגעץ ווייט פון פריהלינגלאַנד אז מען
האָט דאָרטען היינט געגעבען א באנקעט לכבוד דעם
פופציג מיליאָן יעהריגען יובילעאום פון אלע פאר־
איינינגטע ווינטען ♦ אביסעל שפּעטער האָט זיך
דאָס ווינטעל געשטעלט אויף די פיס און גענומען
ווארפען מיט די הענט און מיט די לאָקען ווי אַ
מאָדערנע טענצערין וואָס פארדרייסט דעם קינבאק
צום הימעל ♦ דאַן איז דאָס ווינטעל געוואָרען ווילד
און משוגע און האָט גענומען פייפען מיט א גער
יאָמער ♦ עס האָט אַזוי לאַנג געפיפען ביז
וואַנעט עס האָט געטון א קורץ שוואך זיפצעל און
איז געשטאָרבען ♦ ס׳צווייטע מאָל זאָל מיין הויז־
דינער נישט אויפמאכען די טיר פאר פארבלאָנ־
זשעטע ווינטלאך ♦

XXXI מיין האָהן מעלדעט מיר אז ק ו ק ע ־
ר י קו די זון קומט באלד ארוים ♦
אַלע אין דער פריה זינגט ער אוים דיזעלבע בשורה
און ער מיינט אַז ס׳איז אַ געוואַלדיגע נייעס ♦ דער
אָפּיציעלער מעלדער פונ׳ם זונענאויפגאַנג ♦ דער
האָהן וואָס קרעהט כמעט אלע טאָג ס׳אייגענע נאָר
מיט אַן אנדער חנ׳דעל ♦ און די מוטערליכע
היהנער האלטען איהם פאר א נביא ♦ פאר א
זונענברענגער ♦ פאַר אַ פאַרבלאָנזשעטער נשמה
וואָס מ ו ז זיך ארויסקרעהען ♦ דער לירישער
שטאָלצער אָנגעבלאָזענער אויפ׳ן פלויט קרעהענ־
דיגער האָהן ♦ כמעט יעדען טאָג קרעהט ער דאָס
זעלבע נאָר מיט אַן אנדער תנועה׳לע ♦ מיט א
ניי קנייטשעל ♦ און ער מיינט אז דאָס איז
אַזוינס־און־אַזאַס ♦ און אַז סע קומט איהם צום
ווינציגסטען פיערהונדערט און זעכציג טולער פאַר
יעדען קרעה ♦ אָ האָהן מיינער ♦ האָהן אָריי־
מער ♦ האָהן נארישער האָהן אומשולדיגער ♦
ביזט נעבאך אַ וואוילער האָהן און דו מ ו ז ט
קרעהען ♦ אָבער פארוואָס בלאָזטו זיך אזוי ♦
און פארוואָס קרעהסטו אזוי הויך וועגען דיין
ש ט י ל ע ן קרעהען וואָס דו קרעהסט ♦

XXXII

די פליגענצייט איז שוין באלד אריי־
בער ♦ דאָ און דאָרט צאַפּעלט זיך
נאָך די לעצטע פליעג ♦ טענצעלט און זינגט אויף
דער שויב וואָס איז גערויטעלט פון דער אָקטאָבער־
זון ♦ מיינט זי אַז דאָס ברענט אַזוי די שויב
צוליעב א י ה ר ♦ טאַנצט זי איהר פליגענוואל־
צער קעגען הימעל און איהר קליין פליגענהארץ איז
פול מיט געזאנג און מיט לויבפרייד ♦ פייערליך־
פייערדיג ♦ פארצירט מיט גליהגאָלד זעהט איהר
אויס די וועלט ♦ און דאָס פליגען אויג טראָגט אין
זיך א לאַכענדיגען גליהענדיגען זונענדיגען ערד־
קוגעל פון וועלכען זי די פליג איז דער מיטעל־
פונקט ♦ די פליגענצייט איז שוין אָבער אריי־
בער ♦ עס ווינטערט שוין אין לאנד ♦ אויפ׳ן
סופיט פון מאָראלישער הויכקייט ליגט די טויטע
פליגענמחנה ♦ איהרע גענעראלען זיינען קליינע
איבערדריסיגע פונקטען ♦ די פליגענקעניגע וואָס
האָבען אזוי שטארק געבענקט
נאָך א פלאץ אין דער זון זיינען
אזוי דעמאָקראטיש שטיל און פיעלפארשוויגען ♦
דאָס ריזיגע פליגענגערייש האָט זיך איינגע־
שטילט ♦ די פליגענאטאַקע אויף דעם צוקער־

פעלד איז פאַריבער ♦ זייער האַרץ־פּלאַטערניש
האָט זיך אויסגעציטערט אין דעם בלוט פון אונטער־
געהענדיגע זונען ♦ האָט זיך דערטרונקען אין
איהם ♦ איצט איז אלצדינג אזוי שטיל און רוהיג
אז מע הערט ווי די איינגעשפּארטע וועלט דרעהט
זיך ארום זיך זעלבסט און סקריפּעט ♦ עס וויג־
טערט שוין אין אונזער לאַנד ♦ נאָר די לעצטע
פליג צאַפּעלט זיך נאָך אויפ'ן פענסטער און זינגט
איהר פליגענגעזאַנג צו דער קאַלטרויטער אָקטאָבער
זון ♦

XXXIII

דאָס לעבען האָט זיך אויסגעבונדען דעם קראוואט זיך באשפריצט מיט קעלניש־וואסער און איז אוועק זעהן א טעאטער־שטיק ♦ דאָס לעבען האָט זיך אוועקגעזעצט אין א לאָזשע ♦ אָנגעטאָן די ברילען דאָס לעבען איז א ביסעל קורציזיכטים און גענומען באטראכטען די סצענע ♦ אין ערשטען אקט איז געווען א זעלטענער יום־טוב אויף דער ביהנע ♦ אזא יום־טוב וואָס דאָס לעבען האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהן ♦ דאָס לעבען איז געוואָרען פאראינטערעסירט און האָט זיך ווייטער צוגעקוקט ♦ עס זענען ארויס געקומען די ליעבהאָבער און גערעדט אזוינע רייד וואָס דאָס לעבען האָט אזוינס נישט געהערט זינט סע לעבט ♦ דאָס לעבען האָט זיך אריבערגעבויגען איבער דער לאָזשע און נישט געוואָלט פארלירען א וואָרט ♦ גאָט מיינער ווען האָט דאָס לעבען געהערט אזוינע רייד ♦ פאַר איהם פאַר דעם לעבען איז אלצדינג געווען שטאָק נייע ♦ אין צווייטען און אין דריטען אַקט זענען פאָרגעקומען אַזוינע אָריגינעלע אומגליקען אַז דאָס לעבען האָט אַראָפּגענומען די ברילען און זיי אויסגעווישט כדי עס זאָל בעסער זע־

העון ♦ עס האָט זיך צוגעבויגען נעהענטער און אָנ־
געשטרענגט די אויגען אויף די אַקטיאָרען וואָס האָ־
בען גערעדט אזא מאָדנע שפּראַך וואָס דאָס לעבען
האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט ♦ עס איז
געוואָרען פארכאפּט פון דער האנדלונג פון דעם
שטיק ♦ קיינמאָל אין קיין שום אָרט און אין קיין
שום צייט האָט דאָס לעבען נישט געזעהן אזוינע
האַנדלונגען פון מענשען ווי עס האָט געזעהן אין
טעאטער ♦ דער פאָרהאַנג איז געפאלען אויפ׳ן
לעצטען אקט ♦ דאָס לעבען האָט זיך אויפגער־
שטעלט און געפּאטשט מיט די הענט און געשריגען
בראוואָ ♦ אז דאָס לעבען איז ארויסגעגאנגען פון
דער פאָרשטעלונג איז שוין געווען שפּעט ♦ עס
האָט א קוק געטאָן אויפ׳ן זייגער ♦ האלב נאָך
צוועלף ♦ דאָס לעבען האָט גענומען איבערטראַכ־
טען אלצדינג וואָס עס האָט געזעהן היינט ביי נאכט
אין טעאטער און עס פארגלייכען מיט זיך אליין און
עס איז געקומען צום שלוס אז דאָס לעבען ווייסט
גאָרנישט ווי אזוי צו לעבען און עס דארף זיך פון
צייט צו צייט אריינכאפּען אין טעאטער און זעהן
ווי אזוי מענשען האנדלען כדי עס זאָל וויסען ווי
אזוי צו האנדלען ביי עהנליכע געלעגענהייטען ♦
און פון דאמאָלט אָן געהט ס׳לעבען רעגעלמעסיג
אין טעאטער אריין און עס לערענט זיך דאָרט
מאַניערען און גענג און זשעסטען און וואָס א טאָג
ווערט דאָס לעבען אלץ אינטערעסאנטער ♦ אלץ
געשליפענער ♦ אַלץ טעאטראלישער ♦

XXXIV

און אַז דער הערשער וועט צו מיר קו־
מען און זאָגען ביטע שעהן גיב
אַוועק דיין לעבען פאַר דיין פאָ־
טערלאנד ♦ וועל איך איהם ענטפערן אדוני
קעניג דו מיין ♦ מיין לעבען איז
נישט מיינס ♦ עס איז גאָט׳ס ♦
ער איז דער הויפט קאָמאַנדיר
פון דעם 156טען אינפאנטעריע־
רעגימענט באַקאַנט אַלס פוס גע־
הענדע מענשהייט ♦ דאָס לעבען
וואָס איך טראָג אויף דער פליי־
צע איז זיינס ♦ ער האָט מיך
אַרויסגעשיקט אין דער גרויסער
וועלטשלאַכט מיט דעם באַפעהל
אז איך זאָל עס האלטען ביי זיך ♦
דאָס לעבען הייסט דאָס ♦ ביז
וואַנען ער וועט דאָס צוריקרו־
פען דורך זיין אַדיוטאַנט הער
טויט ♦ דערוויל הער קעניג האָט
ער עס נאָך נישט צוריקגערופען ♦
הייסט דאָס אז איך דארף דאָס קיינעם נישט אוועק־
געבען נאָר איך דארף דאָס האלטען ביי זיך ♦

זוויל טאָמער וועט ער מיר געבען אַ רוף דורך
זיין אַדיוטאַנט און זיך הייסען צוריקגע־
בען ס'לעבען און איך וועל עס נישט האָבען ביי
זיך וועט זיך טון חושך ♦ וואו האָסטו
אַהינגעטון דאָס שפּאָגעל־נייע
לעבען וואָס איך האָב דיר
אַוועקגעגעבען ♦ וועט שרייען די גאָט־
הייט ♦ וואָס פאר א רעכט האָסטו
צו נעמען אַזא קונציג אויסגע־
שניצט לעבען מיט האנט־גע־
מאַכטע אויערען און עס אוועק־
שענקען דיין קעניג ♦ און דאריבער
הער קייזער וועט איהר מיר מוזען ענטשולדיגען
וואָס איך קאָן אייך נישט צוליעב טון מיט אַזאַ
קליינינגקייט ווי אַוועקגעבען ס'לעבען פאַר'ן פאָ־
טערלאַנד ♦ יאָ־מלחמה נישט־מלחמה איך
וויים נאָר איין זאך ♦ איך דאַרף לעבען 24
שעה אַ מעת־לעת ♦ נישט ווייניגער ♦ דירעק־
טער באפעהל פון זיין עקסעלענץ הער יעהאָוואַ ♦

XXXV

קומט נעהענטער דער יום־טוב שבועות ווערט מיר גרינגער ♦ ליכטיגער אויף דער נשמה ♦ ווי אין אַ האַלב־פארוואָלקענטען טאָג אז איהר דערזעהט ערגעץ אויף אַ גרין פעלד אַ זונענפלעק ♦ אַזוי ווערט מיר באנגיג און גוט ווען איך דערפיהל ס׳אָנקומען פון דעם נאָך־ספירה־יום־טוב ♦ דערמאָן איך מיך ס ע ג ר י נ ט מ י י ן אָ ר י ם ה י י ם־ ש ט ע ד ט ע ל ♦ די ווערבען זיינען יונג און זאַפטיג ♦ עס ציטערען די מאַיבוימער ביים קלויסטער און דופטען אַריבער זייער גרינע פרייד צו אונז א י ד י ש ע א י נ ג ל ע ך אויף יענער זייט גאַרטען ♦ די אלערליי מאָדנע פייגעל געהען אַרום מיט אַזוינע פיעלפאַרביגע יארמולקעס אויף די קעפּ און זינגען אידישע נגונים ♦ אומעטיגע ♦ שטילע ♦ איינגעהאַל־טענע ♦ איינער אן אלטער פויגעל מיט א הויך בריסטעל געהט ארום איבער דער גאס זעהר וואוי־לעריש און שאָקעלט מיט דעם אויבערקערפּערל ווי א יונג קאטשקעלע און דאָס פארביגע יארמולקעלע ציטערט אויף זיין אויפגעהויבענעם שטאָלצען קאָפּ ♦ ער עסט און זינגט ♦ ער זינגט און

עסט ♦ אזוי לאנג ביז וואנעט זיין אומגליקליכער
ברודער קומט צו געהן און בעט אז ער זאָל איהם
אויך עפּעס געבען ♦ דאמאָלס הערט ער איב־
גאנצען אויף צו זיין א זינגער און הויבט אָן צו זיין
ב ל ו י ז א ן ע ס ע ר ♦ שבועות אין מיין
היימלאנד ♦ און אלצדינג איז אזוי ליכטיג ♦
ל י כ ט י ג ♦ ל י כ ט י ג ♦ און די בערג
זיינען אויסגעצירט אין זייער איידעלען גרינס און
זיי זיצען ווי אלטע גרינגעפּוצטע מאיעסטעטען מיט
די פיס אונטער זיך און מורמלען נישט־פאַרשטענ־
דיגע רייד ♦ און די יונגפרויליכע טאָלען ליגען
צעשפּרייט מיט די לאכעדיגע געזיכטער קעגען
הימעל ♦ מיט די צעפּריהלינגטע בריסט ♦ און
זיי וואַרטען אויף זייער באַפרוכטונג ♦ עס איז
גרין גרין ♦ זון זון זון ♦ ווייס
ווייס ווייס ♦ אומעטום בליהונג און בלי־
הונג ♦ אפילו אויף דעם אַלטען שול־דאַך ♦
אפילו צווישען די שטיינער פון מאַרק ♦ אפילו
צווישען די ציגעל פון די אלטע מויערן ♦ עס
דאכט זיך אז אלע הימלען ברענען און שמעלצען
זיך און די צעשמאָלצענע הימלען רינען אראָפּ אויף
אונזער שטעדטעל ♦ און איבער אַלצדינג פלאַ־
טערט הימעל און גרינס און הימעל און
אפילו אין מיינע יונגע אַדערען ציטערט דער הימעל
ב ל אָ ה א ו ן ר י י ן א ו ן א ו י ס ג ע ש ט ע־
ר נ ט ♦ און אין מיינע אויגען געהען אויף
גרויסע פאַרחלום'טע לבנות ווי ווייס־גאָלדענע
עפּעל ♦ שבועות און מאַיבוימער און גרין־
גלאנצענדיגע ווערבען ♦ און דער געדאנק אז מען

װעט זיך באַלד מעגען באָדען אין טײַך און אַז די
באָרװיסע פיס פון דעם זומערמײדעל װעלען באַלד
אָנריהרען מ י י נ ע און די ליכטיגע דורכזיכטי־
גע פערלמוטערנע שטראָמען װעלען אָנריהרען די
ברעגען פון מיין הארץ ♦ און די װײַסע קאַרשען־
פרײַד און די רויזענהאָפנונג און דער דאָרשט נאָך
רויטען װײַנשעלבלוט און די גרינע טרייסט װאָס
הויבט איהרע הענט פון די תבואה־טאָלען אַרויף
און בענשט די ערד ♦ און דעם הימעל ♦ און די
מענשען ♦ באַלד װעט זײַן שבועות ♦ און איך
װעל מיך אַרומדרעהען אין שטאָדט און טרינקען
װערטער־שװאַרצקײַט װאָס איז ביטער װי קאַװע ♦
אָדער איך װעל זיצען מיט מיין געשמינקטער לאַנג־
װײַלע לעבען ים און זיך צוריקטראַכטען אין
דעם לאַנגפאַרגעסענעם יום־טוב פון מיין גרינער
פרײַד ♦ װי װעה איז צו מיר ♦

XXXVI די ציוויליזאַציע אונזערע האָט אַ יעדען איינעם ציוויליזירט נאָר נישט זיך אליין • די ציוויליזאַציע האָט אַלעמען געלערנט עסען מיט מעסער־גאָפּעל אָבער אליין איז זי געבליבען אַן אונציוויליזירטע מענשענפרעסער־קע • זי האָט אַלעמען געלערענט מענשענליעבע און אליין האָט זי ליעב דעם מענש געבראָטענער־הייד • זי האָט אַלעמען געלערנט צו טראָגען נאָזטיכלעך און אליין ווישט זי די נאָז מיט'ן אַרבעל • זי האָט אָבגעשאַפט געצענדינעריי און אַליין דינט זי צו דער נאַריש־נאַרישסטער געטין וואָס האָט ווען־עס־איז עקזיסטירט • צו דער וועלטגעשיכטע • זי האָט געשאַפען גרויסע קינסטלער און אליין איז זי געבליבען אַ פּושערין • אַ דילעטאַנטין • זי האָט פאַר־שפּרייט אַלערליי נייע גלויבענס און אַליין גלויבט זי נישט אפילו איהרע אייגענע רייד • זי האָט געלערנט טראָגען גייסטיגע אונטערוועש זיך באַנוּ־צען מיט גייסטיגער זייף אָבער אליין איז זי געבלי־בען שמוציג • עקעלהאַפט • אונציוויליזירט • אינ'ם ליכט פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע זעהען מיר ערשט ווי אונציוויליזירט אונזער ציוויליזאַציע איז • ווי האָטענטאָטיש •

XXXVII

איך האָב אַנומעלטען באַדאַרפט האָ־
בען עפּעס אַ וואָרט ♦ האָב איך
עס געשיקט רופען און עס אוועקגעשטעלט וואו איך
האָב באדארפט ♦ פלוצים האָב איך דערהערט א
רעש פון אלערליי ווערטער יונגע און אלטע נייע און
אָפּגענוצטע ♦ איך האָב צוגעלייגט אַן אויער און
איך האָב דערהערט דעם טומעל פון דעם וואָרט׳ס
פאַרלאָזענער משפחה וואָס איז געקומען מיט
איהם ♦ עס זענען געווען דעם וואָרט׳ס מוהמעס
און פעטערס און שוועסטערקינדער און ברידער און
לאַנדסלייט ♦ און אלע האָבען זיך געשטופּט און
געוואָלט שטעהן צוזאמען מיט דעם פאָטער־
וואָרט ♦ איך האָב מיך געפּרובט אָפּבעטען ביי
זיי ♦ איך האָב זיי געזאָגט אז איך האָב נישט
קיין פּלאַץ אַז איך דאַרף נישט האָבען אַזאַ
גרויסע משפּחה ♦ אָבער זיי זענען באַשטאַנען
אויף זייערס איך זאָל זיי אַוועקשטעלען אַלע אינא־
נעם אָדער גאָרנישט ♦ איך האָב געמוזט אויס־
שטעלען אַ גאַנצען פּאַראַגראַף מיט דעם וואָרט׳ס
פעטערס און מוהמעס און שוועסטערקינדער און
שוואָגערס און לאַנדסלייט ♦ איך האָב מיר
נישט געקאָנט העלפען ♦

XXXVIII

מענשען פאַהרען אין די בערג
אַריין הוסטען ♦ און די בערג
וואָס שטעהען גאַנצע טעג אויסגעפּוצט און האַ־
בען נישט וואוהין צו געהן הערען זיך איין
ווי די מענשען הוסטען און ל ע ר נ ע ן זיך
אוים ♦ ביינאַכט ווען דאָס לבנה׳לע טוט זיך
אַ שפּאַציר־דורך איבער׳ן הימעל אַ פאַרגעלטס
אַ קאַרגס אַן איינגעשפּרומפּענס מיט אַ פאַר־
קרימט מויל זעהט איהר באַשיינפּערליך אַז
זי איז קראַנק ♦ צעבראָכען ♦ אויסגעשפּיעלט ♦
פלינק וויקעלט זי זיך ארום מיט טונקעלע שאַלען
מיט שמאַטעס מיט אלטע מאַנטלען און זי דעקט
זיך איין און ציטערט ♦ עס דאכט זיך אז זי
שלאָפט ♦ אָבער באלד הערט מען ווי זי הוסט מיט
ד ו נ ע ר ד י ג ע כ ח ו ת ♦ זי הוסט און הוסט
און הוסט נעבאך אזוי לאנג ביז וואנעט זי הויבט אָן
צו וויינען מיט גרויסע טרערען ♦ אין א שעה
אַרום קומט זי אַרוים אַן אָפּגעוויינטע אַ מיעדע
אָבער א ליכטיגערע ווי פריהער ♦ און מעהר
פארגלויבט אין איהר כח צו בלייבען לעבען ♦ זי
געהט ווידער שפּאַצירען און זי טרינקט ווידער
הימעל־מילך און זי עסט ווידער ליליענפליש און זי
געהט ווידער שעפּען לופט ♦ לופט ♦ לופט ♦
פונקט ווי א מענש מישטיינס־געזאָגט ♦

XXXIX

וועדטער און פראזען זענען די פעסער
אין וועלכע דו ליידיגסט זיך אריין ♦
ביזטו פול און פארליעבט רעדסטו א סך א סך ♦
נישט ווייל די ווערטער מיינען עפעס נאר ווייל דו
מוזט האבען אין וואס זיך ארייגצורעדען ♦ דו מוזט
האבען קוואנטיטעט ♦ דו ביזט ווי דער אומגליק־
ליכער שיפער וואס דארף אליין באשאפען די
שיף און דעם ים ♦ ווייל שווימען מוזטו ♦
וואס דאס איז גארנישט שלעכט געזאגט פון א מענש
וואס ווערט אויסגעליטען פון א צאנווייטאג
אזוי ווי א י ך ♦ און פארוואס טאקע נישט
אויסנוצען דעם צאהנווייטאג זעלבסט ♦ פארוואס
נישט איינשפאנען מיין קרעפטיגען צאנווייטאג
אין דעם פרנסה־ראד ער זאל זיך דרעהען מיט פאר
מאכטע אויגען און מיר אויסארבייטען אזויפיעל
און אזויפיעל דאלאר ♦ פארוואס נישט אויסדריי־
קען דעם אונענדליכען געדאנק אז אין דעם קלענסטען
צאן קאן זיך פארהאלטען דער גרעסטער ווייטאג
און דאפון דרינגען אז דער גאנצער אוניווערזום איז
נישט מעהר ווי א רויהער ווייטאג וואס מען דארף
איהם נאר ארומרינגלען מיט א וואס־נישט־איז כדי
ער זאל קומען צום אויסדרוק ♦ אה צאן מיי־

נער ♦ דו כאפסט ארום דעם גרויסען וועהטאָג פון
דער וועלט און דו גיסט איהם מיר איבער אין א
קליינעם פאָרמאט ׳אזוי דאָס איך זאָל איהם קאָנען
טראָגען ביי ז י ך ♦ אָה דו ריזיגער באַרג פון
יסורים וואָס דו קומסט צו רייטען אויף א קליינעם
גישטיגען צאָן ♦ ווי וואונדערליך דו ביזט ♦

XL' פרייהייט ♦ פרייהייט אומעטום ♦ יעדער רעגירונג האָט אַזוי פיעל פרייהייט וויפיעל זי קאָן צונעמען ביי איהרע בירגער און יעדער פאָלק האָט אַזוי פיעל פרייהייט וויפיעל עס קאָן צוריקנעמען פון איהר רעגיערונג ♦ אמעריקא איז דאָס לאנד פון פרייהייט ♦ נישט נאָר פון איין געוויסען סאָרט פרייהייט נאָר פון אלערליי פרייהייטען ♦ מיר האָבען דאָ אזוי פיעל פרייהייטען אז א טייל פון זיי וואלגערען זיך איינפאַך אונטער די פיס און קיינער קוקט זיך אויף זיי נישט אום ♦ מיר האָבען דאָ דעם גרעסטען טייערסטען אויסוואהל פון פרייהייט אין אלערליי נומערען און פאַרמאַטען אין אלערליי פארבען און מוסטערן ♦ ווילען עטליכע לומפּעניזיהן די פרייהייט צו לינטשען א פ ר ע נ ק ל י ט ל האָבען זיי עס ♦ ווילען אנדערע די פרייהייט צו צעקנאפּלען מיט זייערע שיך די קעפּ פון א נעגערקינד האָבען זיי עס ♦ וויל א שעהנע דאמע די פרייהייט א ביסעל דורכצושיסען איהר געליעבטען קאָן זי עס באקומען ♦ וויל א הזיר־טאַפּ־דיפּלאָמאַט די פרייהייט אַנצורופען אלע פאסיפיסטען מיט נידערטרעכטיגע נעמען קאָן ער עס באקומען ♦ אהער ♦ אהער

מיינע הערשאפטען ♦ מיר האבען דעם גרעסטען
אויסוואהל פון פרייהייט וואס איהר האט ווען
עס איז געזעהן ♦ און נישט טייער ♦ אלץ וואס
איהר דארפט באצאהלען דערפאר איז ע ט ל י כ ע
פ א ט ר י א ט י ש ע פ ר א ז ע נ ט י נ צ ע ן ♦
ע ט ל י כ ע ה ו י ב מ י ט ד ע ר פ א ה ן ♦ אך
מיר טרינקען זיך דא איינפאך אין פרייהייט ♦

XLI

מיין פריינד ♦ אויב עמיצער באַליי־
דיגט דיך זעץ דיך אַוועק און וואָרט
אומגעפעהר אַכציג יאָהר ווערסטו דיר דערלעב
בען אין איהם די גרעסטע נקמה ♦ ער ווערט
שטארבען ♦ אויב עמיצער נעמט ביי דיר צו דיין
ברויט קלאָג איהם נישט אָן ♦ זעץ דיך אוועק און
וואַרט אומגעפעהר אכציג יאָהר ווערט ער באקומען
זיין שטראָף ♦ אויב עמיצער גיט דיר איבער׳ן
קאָפּ מיט א שטיק האָלץ טראכט וואָס פון איהם
ווערט נעבאך ווערען מיט אן אכציג יאָהר שפעטער
און האָב אויף איהם רחמנות ♦ אויב עמיצער
צינדט אונטער דיין הויז און אנטלויפט מיט דיין
צירונג לויף איהם נישט נאָך פ ע ר ז ע נ ל י ך ♦
אומזיסטע מיה ♦ ע מ י צ ע ר לויפט איהם שוין
נאָך מיט א מעסער אין האנט און ער ווערט איהם
באפּען ♦ פריהער אָדער שפעטער ♦ מיין
פריינד ♦ זיי געגעדיג צו אלע וואָס טוען דיר
שלעכטס ווייל אויך ז י י ווערט נעבאך שלעכטס
געטון און לאָז די צייט זיך נוקם זיין דיין נקמה ♦
זי ווערט עס נישט פארפעלען צו טון ♦

XLII

שלאָגט די רייפען אויף ♦ לאָזט דעם
ווייַן אַרויס ♦ דאָס פאַס איז אַלט ♦
דאָס פאַס איז קלוג ♦ דאָס פאַס איז מיעד
פון זיין רויטער לאַסט און עס וויל פריי ווערען ♦
שלאָגט מען די רייפען אויף ♦ שפריצען
די ווײַנשטראַהלען אַרויף ♦ און דער פייכטער
קעלער ווערט זיס מיט רויטען ווייַנגערוך ♦ און
די ווענט ווערען באַזויפען און געהען א טאַנץ ♦
און די קעלער־סטעליע נעמט זיך אָן פאַר די הענט
מיט דעם דיל און זיי געהען א טאַנץ ♦ און די
רייפען פלאַצען ♦ און דער ווייַן לויפט און זינגט ♦
און א מבול פון רויטקייט נידערט אַראָפּ אויף דער
ערד ♦ נעם ב ר ו ד ע ר דייַן האַרץ אַרויס באָד
עס אָפּ אין דעם רויטען ווייַן וועט עס שיכור ווערען
און נעמען זינגען הללויה ♦ און טאַנץ מיט א
שיכור האַרץ און מיט רויטע הענט ♦ די רייפען
שפרינגען ♦ די הייַזען זענען שטאַרק ♦ דאָס
פאַס איז פונ׳ם ווייַן צענאָגט און צעריסען ♦ און
די פאָרם איז געוואָרען א י נ ה א ל ט ♦ און דער
אינהאַלט איז געוואָרען פאָרם ♦ דער קעלער איז
פול מיט ווייַן ♦ און דאָס פאַס ווערט דערטרונקען
אין זיך זעלבסט ♦ און דער קעלער זופּט זיך אָן

מיט ווײַן און ווערט שיכּור און פֿאַלט ♦ און מיט
איהם פֿאַלט אויף דער שיכּורער פֿונדאַמענט ♦
פֿאַלט אויף דאָס שיכּור'ע הויז ♦ גאָט'ס שטראָף ♦

XLIII

אתרוגים שמעקן אָבער די וואָס
שמעקן די אתרוגים שמעקן נישט ♦
מיין גאָט און הערר ♦ אתרוגים האָבן
א הערליכען דופט האָבען זיי נישט קיין נעז ♦
מענשען האָבען נעז האָבען זיי נישט קיין הערליכען
דופט ♦ פארוואָס זאָל דאָס אזוי זיין ♦ פאר־
וואָס זאָל דער מענש נישט דופטען ווי א ציטראָן
און פארוואָס זאָל זיין אָטעם נישט זיין אזוי ריין ווי
דער ווינט וואָס קומט פונ'ם בארג לעבא־נאָן ♦
פאָרוואָס זאָלען זיינע ציין נישט זיין קיין ליליען־
גאָרטען און פארוואָס זאָל ער זיך נישט שאָקלען
אינ'ם ווינט ווי א שלאַנקע פאלמע ♦ פארוואָס זאָל
דער מענש וואָס איז באשאפען געוואָרען אויף צו
אַרבייטען מוזען שלאָפען און פארוואָס זאָלען
די שווייצער־קעזלעך וואָס זענען באַשאַפען געוואָרען
אויף ארומצוגעהן ליידיג נישט קאָנען צומאכען קיין
אויג ♦ וואו איז יושר ♦ מענשליכקייט ♦
לאָגיק ♦ רחמנות ♦

XLIV

אונטער׳ן קישען האָט געקלאַפּט מיין
זייגערל און איך האָב געמיינט אַז דאָס
איז מיין האַרץ • איך האָב מיך דערשראָקען •
עס האָט געקלאַפּט אַזוי הויך אַזוי אומרוהיג •
איז מיר דורכגעלאָפען אַ געדאַנק ווי אַ מויז מיט
קאַלטע פיסלעך • אפשר בין איך געפעהרליך
קראַנק • אפשר וועל איך שוין לאַנג נישט ציי־
הען • און איך בין דאָך נאָך אַזוי יונג ה אָ ב
א י ך ג ע ו ו י י נ ט מ י ט ט ר ו ק ע נ ע
ט ר ע ר ע ן און איך האָב דאָך נאָך כמעט גאָר־
נישט געזינדיגט • און עס איז מיר געקומען
אויפ׳ן זין אַז איך האָב געלעבט זעהר נאַריש •
פאַרשווענדט מיין ביסעל יאָהרען אויף עהרליכ־
קייט אויף אמת־זאָגעריי אויף אנשטענדיגקייט •
פוי ווי געמיין דאָס איז • ווי אידיאָטיש •
דאָס פאַרגעסענע טאַשען־זייגערל האָט געקלאַפּט
אונטער מיין קישען אַלץ העכער און העכער אַלץ
דייטליכער און דייטליכער • איך האָב געזעהן
אַז ס׳איז פאַרפאַלען • עס איז שוין פאַר מיר
נישטאַ קיין הילף און איך האָב נאָר געבעטען גאָט
אַז איך זאָל מיך נישט דאַרפען לאַנג מוטשען •
אנגסטען האָבען מיך באַשלאָגען • אַלע גער

שטאָרבענע יאָהרען מיינע זענען דורכגעגאַנגען פֿאַר
מיר מיט אָראָפּגעלאָזטע קעפּ פֿאַרשעמטע באַליי־
דיגטע שלעכטבאַהאַנדעלטע ♦ אַ גאָט ה אָ ב
א י ך אַ פּ ע ל י ר ט צ ו ם ה י מ ע ל איידער
איך שטאַרב לאָמיך כאָטש איינמאָל האָבען דאָס
פֿאַרגניגען פֿון גנבֿענען אַ זילבערן לעפֿעלע אָדער
פֿון איבערפֿאָהרען אַ מענשען און אַנטלויפֿען אָדער
פֿון זאָגען אַ שמוציג וואָרט צו אַן אומבאַקאַנטער
דאַמע מיט פּענסנע ♦ איך האָב שטענדיג ה אָ ב
א י ך ג ע ז אָ ג ט צ ו ג אָ ט געהאַט אַ פֿאַר־
לאַנג דאָס צו טון אָבער איך האָב עס אַלץ אָפּגע־
לייגט אויף ש פּ ע ט ע ר אויף שפּעטער און
איצט איז געוואָרען צ ו ש פּ ע ט ♦ מיין
האַרץ קלאַפּט אַזוי שנעל ♦ איך האָב מיך געוואָלט
צעוויינען אַזוי ל י י ט י ש אָבער דאָ האָב איך
מיך דערמאָנט אַז עס קאָן זיין אַז מיין האַרצקלאַפּען
קומט נ י ש ט פֿ ו ן מ י ר פּ ע ר ז ע נ ל י ך
נאָר פֿון'ם זייגערל וואָס ליגט אונטער מיין קישען
און דאָס האָט מיך געראַטעוועט ♦

XLV ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט ♦

עס האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער שלאַקסרעגן איז ער אַוועק אויפֿ'ן גאַנעק פֿון דעם נאָהענטסטן הויז איז אַרויסגעקומען אַן אַלט פֿרויענצימער מיט אַ בעזים אין האַנט און באַמערקט אַז סע רעגנט ♦ ו ו י אַ ז ו י ע ס ה אָ ט ג ע ק ע נ ט פּ אַ ס י ר ע ן ♦ ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפֿ'ן גאַנעק און געוואָלט איבערוואַרטן דעם רעגן ♦ מיט אַמאָל האָט אָנגעהויבן שרעקליך צו בליצן און צו דונערן ♦ עס איז אַרויסגעקומען אַ יונגע בילדשעהנע פֿרוי ק י י ן ש ע נ ע ר ע ו ו י ב י ל ד ש ע נ ע פֿ ר ו י ע ן ז ע נ ע ן ה פּ נ י ם נ י ש ט אָ און איהם געזאָגט אַז זי האָט מורא צו זיין אַליין אין שטוב ווען סע דונערט ♦ איהר מאַן איז איצט נישטאָ אין דער היים ♦ אפשר וויל דער הערר זיין אַזוי פֿריינטליך און אַריינגעהן ♦ ער געהט אַריין און זעצט זיך ♦ זי ערקלערט איהם אַלע ווייל אַז איהר מאַן וועט ערשט אַהיימקומען אַרום זייגער צוועלף ביינאַכט ♦ איצט איז ערשט אַ פֿערטעל צו זיבען און אַזוי ווייטער ♦ מיט פֿינטעלעך ♦ ווען אַלצדינג וואָלט געווען אַזוי ווי עס וואָלט ג ע ק ע נ ט ז י י ן ♦ עד ♦

XLVI

איז ווייניג וואָס מ׳זעהט זיך אָן אַ
גאַנצען טאָג מיט מענשליכע פּנים׳ער
און מ׳איז שוין אַזוי מ י ע ד פון זיי געהט מען
ערשט אַוועק אין אַ קונסטגאַלערעע און מ׳קוקט
ווייטער אויף דיזעלבע איבערדריסיגע מענשליכע
געזיכטער ♦ איז ווייניג וואָס מ׳הערט זיך אָן אַ
גאַנצען טאָג מיט די קלוגהייטען פון אַלערליי מענ־
שען געהט מען נאָך אַהיים און מ׳זעצט זיך אַוועק
און מ׳לייענט דיזעלבע איבערדריסיגע קלוגהייטען
פון אַ בוך אַרוים ♦ איז ווייניג וואָס דאָס אויער
ווערט אַ גאַנצען טאָג געמאַטערט און געפּלאָגט פון
אַלערליי קלאַנגען און טענער טראָגט מען עס ביי־
נאַכט אַוועק אין דער אָפּערע וואו מ׳הערט נ אָ ך
אַ קאַפּעטשקע קלאַנגען ♦ איז ווייניג וואָס דאָס
לעבען אַליין איז אַזוי עלענדליך און פאַראומעטיגט
און געלאַנגווײַלט און אוממעגליך באַשרייבט מען
עס נאָך אין די צייטונגען מאָלט מען עס אין ביל־
דער באַזינגט מען עס אין ליעדער ♦ איז ווייניג
וואָס מען דאַרף געניסען פונ׳ם לעבען דאַרף מען
נאָך געניסען פון דער קונסט וואָס ק ר י מ ט איבער
דאָס לעבען ♦ הערר גאָט אין הימעל ♦

XLVII

איך און מײן פרוי זענען צוויי פרעמדע מענשען ♦ זי קען מיך נישט און איך פאַרשטעה זי נישט וויזוואויל מיר לעבען שוין צוזאַמען מעהר ווי פופצעהן יאָהר ♦ און דאָס איז אַ וואונדערבאַר געפיהל ♦ וואָס קען זיין בעסער שעהנער אנגענעהמער ראָמאַנטישער ווי צו לעבען מיט אַ פרעמדער פרוי ♦ אַנדערע מאַנסלייט ווערען מיעד פון זייערע פרויען און אַנטלויפען מיט פרעמדע ווייבער ♦ אַז איך ווער מיעד פון פרעמדע ווייבער אַנטלויף איך צו מיין אייגענער פרוי וועלכע איז מיר פרעמדער ווי אַלע פרעמדע פרויען ♦ ווי גוט עס איז צו לעבען מיט אַ פרוי וואָס קען דיך נישט ♦ ווי דויערהאַפט עס איז די ליעבע צווישען אַזוינע צוויי מענטשען ♦ פ אַ ר ט אַ פ ר ע מ ד ע טראַכטסטו און דו קושסט זי מיט אַזוי פיעל ליעבשאַפט און דו האָסט דערביי דאָס אַנגענעהמע געפיהל אַז דו זינדיגסט מיט אַן אומבאַקאַנטער דאַמע ♦

XLVIII

שרייבען ♦ שרייבען ♦ שרייבען ♦
ביז אין לעצטען לעצט אַריין ♦ ביז
אין דער אייביגסטער אייביגקייט ♦ די פינגער
אין דער טינט־שיסעל ♦ פֿאַרשמיר איך מיר די
אויגען און איך שרייב ♦ און כ'זעה נישט וואָס
איך שרייב ♦ עס אַרט מיך נישט ♦ איך דאַרף
בלויז אַרומשוואַרצען אַזויפיעל און אַזויפיעל בלעט־
לאַך דרוקפּאפּיר יעדע וואָך ♦ ארומרינגלען מיט
אותיות אזויפיעל און אזויפיעל ליידיגקייטען ♦
ווייטער געהט עס מיך נישט אָן ♦ דער מוליער
מוליערט ♦ דער העקער העקערט ♦ דער
שריפטשטעלער שרייבט ♦ פרנסה האָבען מיר
אַלע ♦ די גאָטהייט זאָרגט ב"ה פאַר אַ מינדסט
ווערימעל ♦ זי גיט אַכטונג עס זאָל צעטרעטען
ווערען אין צייט ♦

XLIX

דאָס טעאַטער קאָפּירט דאָס לעבען ♦
גוט ♦ איז אָבער אַ פראַגע אויב דאָס
לעבען איז אמת קאָן דען אַ ק אָ פּ י ע פון׳ם
אמת זיין אמת ♦ און אויב דאָס לעבען איז נישט
אמת טאָ צו וואָס ק אָ פּ י ר ע ן אַ ליגען ווען
מען קאָן איהם אַ סך שעהנער א ו י ס ט ר אַ כ־
ט ע ן ♦ און אויב דאָס לעבען איז אַ ליגען דאַן
זענען די ליגנערשע דראַמאַטורגען די א מ ת׳ע
אמת־זאָגער ווייל זיי לייקענען־אָפּ דעם ליגען ♦
אויב דאָס לעבען איז שעהן און וואונדערבאַר טאָ
צו וואָס זיצען אין טעאַטער און דאָרט באַטראַכטען
דאָס ברעקעל לעבען וואָס ווערט דאָרט פאָרגע־
שטעלט ווען אויף יענער זייט פון די טעאַטער־
ווענט איז דאָס לעבען אַ סך מעהר ♦ און אויב
דאָס גאַנצע מענשליכע לעבען איז מיאוס און לאַנג־
וויילי‍ג און אָהן פאַרב טאָ מיט וואָס איז אַ ביליאָנט־
הלק פון׳ם זעלבען לעבען פאַרביגער און שעהנער
און אינטערעסאַנטער ♦ קאָן דען דער שפּיגעל
זיך אַליין אָפּשפּיגלען ♦ אינ׳ם העלגעשליפע־
נעם ליגען שלומערט דאָס געזיכט פון׳ם
לעבען ♦ נאָר דורכדעם וואָס איז מ ע ה ר ווי
אמת קאָנען מיר זעהן די קליינע גרויע נאַרישע
אויגען פון׳ם אמת ♦

L עַל־חטא ♦ מיר זענען דיר מוחל גאָט פאַר
דיינע זינד וואָס דו האָסט באַגאַנגען געגען
אונז יעדען טאָג פון אונזער לעבען ♦ מיר
זענען אַן איש רחום־וחנון ♦ מיר פאַרגיבען ♦
מיר טראָגען נישט קיין בייז האַרץ אויף קיינעם
אפילו נישט אויף גאָט ♦ מיר ווייסען ל י ב ע ר
ג אָ ט דו האָסט געקאָנט אַ וואונק טון מיט'ן אויג
און אונזער מוטער וואָלט ניט געשטאָרבען אָבער
דו האָסט עס נישט געטון זענען מיר דיר מוחל דיי־
נע זינד ♦ טויזענדער מענשען האָסטו געקאָנט
ראַטעווען יעדען טאָג ל י ב ע ר ג אָ ט אָהן
שום אַנשטרענגונג פון דיין זייט אָבער דו האָסט
עס נישט געטון פאַרדריסט עס אַביסעל אָבער מיר
פאַרגיבען דיר ♦ פאָרט נישט מעהר ווי אַ זינ־
דיגער גאָט ♦ און האָסט נישט מיט וואָס צו
פאַרוויילען די צייט ♦ מיר פאַרשטעהען דאָס
אַלצדינג ♦ מיר ווייסען וואָס דאָס הייסט האָבען
צו טון מיט מלאכים וואָס האַלטען אין איין פאַר־
קלאַפען דעם קאָפ מיט זייערע באַנאַלע ליעדער
און ווי נערוועז מען קאָן ווערען דערפון ♦ פאַר־
גיבען מיר דיר דיינע זינד ל י ע ב ע ר ג אָ ט
פונקט ווי מיר האָבען דיר פאַרגעבען פ אָ ר אַ־

יאָהרען און פאַר צוויי־יאָהרען און פאַר דריי־
יאָהרען ♦ מיר זענען זעהר אַ באַרמהערציגער
מענש ♦ אין דער מינוט וואָס מען ריהרט אונז
אָן איז אש להבה ♦ אָבער שפּעטער אַ ווײלע
אַז מען מאַכט פאַר אונז אַ קרומע מינע פאַרגעסען
מיר אַלצדינג און מיר זעהען פאַר זיך בלויז די
פאַרוויינטע אויגען פון אַ בעטענדיגען גאָט וואָס
האָט חרטה אויף זיינע זינד ♦

LI

אַ קערענדעל פֿון אמת איז אויף מיין האַרץ
געפֿאַלען איז עס געווען קליין און נישט
צו באַמערקען ♦ האָב איך עס מיט מיין האַרצ־
זאַפּט געשפּייזט ♦ מיט מיינע פֿרעמדלענדערישע
חלומות באַשאָטענט ♦ מיט דער זון פֿון מיינע אוי־
גען געוואַרימט און עס איז דערפֿון אַ שעהנע גרויסע
פֿאַרבענרייכע פּלאַנץ אַרויסגעוואַקסען ♦ מיט
וואונדערבאַרע בלעטער און שטאַם־צווייגלעך מיט
רויטע און עדעלע פּלאַנץ־אָדערען מיט זעלטענע
ליניען און בויגונגען ♦ און די דאָזיגע פּלאַנץ
וואָס איז פֿון טרוקענעם האַרטען אמת־קערענדיל
אַרויסגעוואַקסען איז פֿאַר אַלעמען אַ בענשונג
געווען ♦ זיינע איידעלע פֿאַרבען האָבען ס׳אויג
געגלעט און די פֿיינקייט און פֿאַרפֿלאָכטענקייט פֿון
די פּלאַנץ־אָדערען האָט אַלעמענס באַוואונדערונג
אַרויסגערופֿען און אַלעמענס פֿרייד ♦ נאָר עס
האָט פּאַסירט אַז פּלוצים איז פֿון ערגעץ־וואו אַן
אַלטער און פֿאַרטריקענטער אמת־קענער אָנגע־
קומען ♦ זיינע אויגען זענען געווען פֿלאַך און
קאַלט ♦ אָהן שוואַרצאַפּעל ♦ סע האָט פֿון זיי
אַ טויטע נשמה אַרויסגעקוקט ♦ אַז ער איז צוגע־
קומען נאָהענט און באַטראַכט די דאָזיגע רייכפֿאַר־

בינע פלאַנץ וואָס האָט פון דעם טרוקענעם קערענ־
דיל אמת אַרויסגעבליהט האָט ער זיך פאַר'ן אַלטען
קאָפּ געבאַפּט און אויסגערופען דאָס איז
נישט דער ריינער אַל־טרוקענער
אמת ◆ דאָס איז אַ פעלשונג ◆ אַן
איבערטרייבונג ◆ אַ פאַרגרעסע־
רונג פון דעם קליינעם קערענ־
דיל וואָס איז אויף אַ מענשענ־
האַרץ געפאַלען ◆ דער אמת אַליין איז
קיינמאָל נישט אַזוי שעהן נישט אַזוי פארביג
נישט אזוי אנגענעהם ◆ דאָס איז אַ פעלשונג ◆
און מענשען אַזוי דערצעהלט דער
דיכטער האָבען דעם שטרענגען אמת־קענער
מיט חוזק־בליקען נאָכגעקוקט און געלאַכט ◆
וואָס אַרט זיי דער טרוקענער שטרענגער אמת ווען
דער איבערטריבענער איז פיעל אינטערעסאַנטער ◆

LII

זענען מיר געזעסן ביי אַ ווײַנטישעל
און גערעדט וועגן דער שעדליכקייט פֿון
אַלערליי שאַרפֿע געטראַנקען ♦ האָבן מיר
דעם קוויקענד־שעדליכען וויין געזופֿט די שעדליך־
אַנגענעהמע ציגאַרען גערויכערט און שעדליך־לײַ־
דענשאַפֿטליכע חלומות געטרוימט ♦ האָט דער
וויסענשאַפֿטסמאַן פֿון אונזער קרייז די לעצטע טראַ־
פֿענס פֿון דעם ווײַנגלעזעל אויף זײַנע ליפֿען אויס־
געטרייסעלט ♦ זיך די וואַנצען אָפּגעווישט און גע־
זאָגט אַלקאָהאַלישע געטראַנקען זע־
נען פּאָזיטיוו אַ קללה פֿאַר דער
מענשהייט ♦ עס גרייפֿט אָן דאָס
האַרץ ♦ עס פֿאַר'סם'ט דאָס בלוט
און עס איז זעהר שעדליך פֿאַר'ן
געזונט ♦ לחיים ♦ און איך האָב גע־
ענטפֿערט לחיים ♦ עס איז אפשר אמת
אַז ווײַן איז שעדליך פֿאַר'ן געזונט אָבער דאָס איז
דאָך גאָרנישט אין פֿאַרגלײַך מיט'ן לעבען
זעלבסט ♦ וואָס איז נאָך שעדליכער פֿאַר'ן
געזונט ווי דאָס לעבען ♦ וואָס רואינירט און
גראָבט אַזוי אונטער דעם מענשליכען קערפּער ווי
דאָס אָטעמען און דאָס שלאָגען פֿון די פּולסען ♦

וואַס עלטערט נאָך אַזוי אַפּ דעם מענש ווי דאָס
עקזיסטירען ♦ וואָס טרייבט נאָך אַזוי אין דר׳ערד
אריין ווי דאָס אזויגערופענע דא־זיין ♦ פונדעסט־
וועגן וועט קיינמאָל נישט איינפאַלען צו גרינדען
אַ פּאַרטיי אויף אָפּצושאַפען דאָס לעבען און צו באַ־
שרענקען דאָס אָטעמען ♦ און פונדעסטוועגען
וועט קיינעם נישט קומען אויפ׳ן זין אַז דערפאַר
וואָס דאָס לעבען איז שעדליך פאר׳ן געזונט זאָל
מען עס צעפּיהרען מיט וואַסער, און נאָר געניסען
עס פון צייט־צו־צייט און ביי זעלטענע געלעגענ־
הייטען ♦ לחיים מיינע הערשאַפטען ♦

LIII

ברודער שריפטשטעלער ♦ דורך דער
קלענסטער נשמה מוזטו דורכגעהן ווי
דורך אַן אויג פון אַ נאָדעל ♦ דורך יעדן ענגען
געהירען מוזטו דורכציהען ♦ דורך יעדער שמאָ־
לען האַרץ מוזטו זיך דורכפּלאַטערען ♦ און וואָס
בלייבט פון דיר ווען דו קומסט אַרויס אַ דורכגע־
לעזענער ♦ דער פיינער שמעטערלינג־שטויב
פון דיינע געדאַנקען־פליגעל ווערט פון די רויהע
פינגער אָפּגעריבען און וואָס בלייבט ♦ גאַרנישט ♦
שטערען־און־לבנה־שימער דורך אַ גראָבען זאַק ♦
שנייפּייערען דורך רויכערדיגע לאָמפּען ♦ דער
איידעלסטער געדאַנק קומט אַרויס פאַרשמירט
דורכגעלעזערט צעבלוטיגט פאַרציטערט ♦ צו זיין
אַ שעקספּיר מוז מען געפעלען ווערען די לעזער די
פרעמדסטע די ערגסטע די פאַרשלאָפענסטע ♦
דער רוהם פון היינריך היינע שטעהט איין אין די
הענט פון נאַפט־סוחרים ♦ די אומשטערבליכקייט
פון קעניג־שלמה וואוינט אין די הערצער פון גמרא־
מלמדים ♦ ווי טרויעריג דאָס איז ♦

LIV

באַטראַכט די שפּין ♦ זי לויפֿט אַרויף־און־
אַראָפּ איבער איהר אייגענער בריק איבער
די פֿעדים וואָס קומען אַרויס פֿון איהר לייב ♦
אַליין די בריק אַליין דער א ר י ב ע ר ג ע ה ע ר
איבער דער בריק ♦ און ווען די שפּין ציטערט
אין דער לופֿטען אויף אַ דינעם פֿאָדים ווייסט זי אַז
אַלצדינג וויגט זיך אַרום איהר און קיין זאַך שטעהט
נישט אויף אַן אָרט ♦ דער גאַנצער אוניווערזום
ט ר אַ כ ט ד י ש פּ י ן הענגט אויף אַ פֿאָדים
און דער פֿאָדים ט ר אַ כ ט ז י איז מיינער ♦
נאָר באַלד קומט אַ לייכטער ווינט און רייסט איבער
דעם פֿאָדים ♦ די שפּין פֿאַלט ♦ זי פֿיהלט די
האַרטע ערד אונטער איהר בויך אָבער זי ווייסט
אַז דאָס איז נ י ש ט די אמת'ע וועלט ♦
די אמת'ע וועלט א י ז ז י א י ב ע ר צ י י ג ט
איז געווען אויפ'ן פֿאָדים אין דער לופֿטען און
קוים איז דער פֿאָדים צעריסען איז אַלצדינג
געענדיגט ♦ און די נאָהענטע פֿריינט פֿון דער
שפּין וואָס הענגען אַרום איהר אויף דינע פֿעדים
צוגעפֿעסטיגט צו אַ בוים קומען זיך צענויף און
באַקלאָגען דעם טויט פֿון זייער מיט־שפּין וואָס איז
אַראָפּגעפֿאַלען פֿונ'ם שפּינוועבס ♦

LV

טינטענפלעקען אויף ווייסען פּאַפּיער • בלאָהע מיסטעריען • וואונדער־פיגורען • הייליגע סימבאָלען • רעטענישען • איך קוק אויף די ווערק פון מיין שרייבענדיגער האַנט און איך קען זיך נישט אָפּ׳חידוש׳ען פון זייער עהנ־ליכקייט צו זאַכען וואָס לעבען און אָטעמען • און דאַרף דען דער שרייבער עפּעס מיינען מיט זיין שריפטשטעלונג • און איז דען דאָס טיעפגע־מיינטע מעהר טיעף, מעהר וואונדערליך ווי דער בוכשטאַב אליין • מיינע טייערע געליעבטע בוכ־שטאַבען • איך קוק אויף אייך • איהר זענט אליין געדאַנקען • איהר זענט אַליין ליעדער • איהר זענט אַליין אַזוי פול מיט אינהאַלט • איך קוק אויף דער לאַנג־געצויגענער למד און איך דערמאָן זיך אָן אַ שיף, וואָס ציהט זיך איבער׳ן ים און סע זעהט זיך בלויז אַ לענגליכער קוימען פון וועלכען עס שלענגעלט זיך אַ רויך • איך קוק אויף דער סטאַטעטשנער האַנדגעשריבענער בית און איך זעה אַ ברייטברוסטיגע קאַטשקע וואָס שווימט אויפ׳ן וואַסער אַזוי גראַציעז • איך קוק אויף דער טראַגישער לאַנגער צדיק און איך זעה דעם קרייץ און אויף איהם דער געקרייציגטער •

איך האַב ליעב די פליהענדיגע קרומע נונ׳ען וואָס נעכטיגען נישט אין נאָהענטע נעסטען • איך האַב ליעב די זיצענדיגע „פ״ וואָס זעהט אויס ווי אַ פוילער טערק וואָס זיצט מיט די פיס הינטער זיך און פּיפּקעט אַ פּיפּקע • איך האַב ליעב די גע־דרוקטע א ל ף וואָס דערמאָנט אָן אַ פאַנטאַסטי־שער ווינט־מיהל ערגיץ אין האָלאַנד־לאַנד • איך האַב ליעב די שטאָלצע שבת׳דיגע ש י ן וואָס שטעהט שמונה־עשרה און האַלט איהרע צוויי קינ־דער אויף די שוואַכע הענט • איך באַוואונדער די ג י מ ל וואָס איז אייביג גרייט צו געהן ערגעץ אין גאָט׳ס וועג אריין • טינטפלעקען אויף פאפיר איך האַב אייך ליעב און איך שרעק מיך פאר אייך • איבערהויפּט פאר דעם שגץ דעם קרומען צדיק וואָס שטעלט זיך אוועק אזוי שטאָלץ מיט די הענט אין די קעשענעס און הערט אַלעמען ווי די קאַץ • וואונדערבאַרע אותיות • אָפטמאָל ווען מיין האַרץ איז שווער פאַרברענג איך מיט אייך אַ לאַנגע צייט און איך ווייס נישט וואָס איהר ווילט • אייער שפּראַך איז מיר אַזוי נישט־פאַרשטענדליך ווי דער הימעל ווי די ערד ווי די לבנה • אָבער איך האַב ליעב צו קוקען אויף אייך גלאַט אַזוי • איך ווייס אַז ע מ י צ ע נ ס אַ האַנט האָט דורך אייך געוואָלט עפּעס זאָגען • אפשר געוואָלט באַ־ווייזען זיין געטליכקייט • אָבער דאָס געהט מיך נישט אָן • איך בין פאַראינטערעסירט אין א י י ך אַ ל י י ן איהר נישטיגע אומבאַהאָלפענע אותיות • אין אייך אַליין זעה איך שעהנקייט געדאַנק פאָרם צוקונפט געטליכקייט •

LVI

קעגען־אַרגומענט ♦ אָפּט הער איך ווי
די אותיות אין דעם וואָרט ג אָ ר נ י ש ט
קריגען זיך צווישען זיך ♦ די גימל זאָגט אַז זי
איז שעהנער פון דעם שין און די אלף טענה׳ט אַז
זי איז וויכטיגער פון דעם נון און די טעס טענה׳ט אז
אָהן איהר קען מען נישט שפּיעלען קיין טעאַטער ♦
אַזוי טענה׳ן צווישען זיך די איינציגע אותיות פונ׳ם
אלף־בית ♦ דאָס פיהרט אָפּט צו געשלעג ♦ צו
קנאה־שנאה ♦ צו אינטער־אלף־בית־פּלאָנטערס ♦
צו מלחמה ♦ ווייל אותיות זענען אַ ז ו י ו ו י
מ ע נ ש ע ן ♦ אזוי אומגליקליך־צעטיילט ♦ אזוי
טראַגיש־צעאיינציגט ♦ אַזוי אָהן אַן אייגענעם
ציעל ♦ זיי פארשטעהען נישט אז א ל ע
א י נ א י י נ ע ם זענען קוים איין אידעע וואָס
מיינט אויך גאָרנישט ♦ ווער שמועסט שוין אַז
זיי זענען באַזונדער ♦

LVII

אויף דריי פֿאַכן האָט גאָט איינגעטיילט
די ערד ♦ אויף דריי פֿאַכן ♦ ווייל
די וועלט איז הפּנים נישט קיין זעהר וויכטיגער
ענין און מעהר ווי זעקס טעג פֿון זיינע ע ל ף־
מ י ל י אָ ן־א י י ב י ג ק י י ט ע ן האָט ער נישט
געקענט אָוועקגעבן פֿאַר איהר באַשאַפֿונג ♦
האָט ער דעריבער עקאָנאָמיזירט ♦ געזעהן צו
מאַכן זי וואָס געדיכטער ♦ וואָס פּראַקטישער ♦
האָט ער איינגעטיילט ו ו י מ י ר ה אָ ב ע ן
ש ו י ן ג ע ז אָ ג ט די וואונדערבאַרע וועלט
אין דריי פֿאַכן ♦ אונטען ♦ אין דער מיטען ♦
אויבען ♦ א מין סאָרט אוניווערזאַלער טעאַטער ♦
באַלקאָנען און גאַלעריען ♦ און דער הערר גאָט ווי
איהר זעהט האָט גוט אויסגערעכענט ♦ ער האָט
געוואוסט אז זיין וועלט וועט זיין א גרויסער ער־
פֿאָלג ♦ די אונטער־ערד איז פֿול געפּאַקט מיט גאָט'ס
אָרימע ווערים ♦ די פּלאַך איז פּונקט אזוי גע־
פּאַקט מיט מענשען און וויזעלטירען און די הויך
מיט פֿויגעל און פֿליגען ♦ אויף דריי פֿאַכן האָט
גאָט איינגעטיילט זיין ריזיג וועלט־טעאַטער און
אומעטום איז פֿול געפּאַקט און מ'באַצאָהלט מיט'ן
לעבען כדי זיך אַריינצוכאַפּן צו דער נישט־געלונ־

גענער פאַרשטעלונג וואו אַלע שוויצען און שטופען
זיך און קענען נישט געפינען די ריכטיגע פלעצער
און ס'איז פינסטער און דער פיהרער איז נישטאָ
וואָס זאָל צונעמען די בילעטען און ווייזען אקוראט
וואו מ'דארף זיך אוועקזעצען ♦ אויף דריי
פאַכען האָט גאָט איינגעטיילט די שעהנע וועלט
און אַלע זענען באַזעצט ביז צו דער סטעליע און
צוריק ♦ ס'איז אַ גוואַלדיגער ערפאָלג ♦ נאָר
אַמאָל מאַכט זיך אַז עמיצער גיט אַ קליין געשרייעלע
פ י י ע ר ♦ דעמאָלט טיילען זיך אָפּ די פאַכען ♦
דעמאָלט קריכען די פויגעל אַראָפּ פון דער גאַלעריע
און די ווערים קריכען אַרויס פון דר'ערד און עס
מישט זיך אַלצדינג צענויף ♦ מענשען ווערים
פליגען פיפערנאָטערס פליאַנדרעס אָדלערס רויב־
פויגעל אַקטיאָרען שמעטערלינגען ♦ און סע
ווערט פרעהלאך ♦

LVIII

דאָ אויפ'ן טיש אויף אַ טאַץ ליגען ברויט
און עפּעל ♦ אָנגעוואָרפענע שטיקלעך
פּאַפּיר ♦ נאָטיצען ♦ עס רעגענט רעגענט רע־
גענט ♦ און מיין וועלט איז אַזוי טישיג ♦ אַזוי
ברויט־און־עפּעלדיג ♦ דאָס אייג איז פול מיט אַזוי
פיעל גרענעצען און ווינקלען ♦ און עס רעגענט
רעגענט רעגענט ♦ עס צעשמעלצט זיך די וועלט
אין אַ קאַלטען און לאַנגווייליגען געפּלים ♦ וואַ־
סערפּערעל זענען אָנגעהאַנגען אויף די שויבען פון
מיינע פענסטער ♦ מעלאַנכאָלישע וועלט־אמת'ן
רינען מיר אין די אַדערען אריין אַזוי גראָה און וואַ־
סערדיג ווי דער היינטיגער טאָג וואָס טרינקט זיך
אין די רעגענרינגען אין אַ פערעלפלאָנטער פון בליש־
טשעטנדיגער גרויקייט ♦ רעגען רעגען רעגען ♦

LIX די גאָטהייט שלעפּט אונז דורך דער צייט ווי א פּאָסטוך שלעפּט אַן איינגעשפּאַרטען שעפּס פאַר די הערנער ♦ מיר קאָפּען מיט די פיס און מיר מאכען מ ע אין ליעדער און אין פּראָזא ♦ מיר ווילען נישט געהן אהין און מיר ווילען נישט געהן צוריק ♦ מיר ווילען נישט קיין היים און מיר דאַרפען נישט קיין דרויסען ♦ מיר ווילען נישט געהן אויפ׳ן גלייכען וועג און מיר האָבען מורא צו בלאָנזשען ♦ דאַריבער שטעהען מיר און מיר מאכען מע ♦ ל י ר י ש א ו ן ע פּ י ש ♦ ציניש און סענטימענטאל ♦ פילאָזאָפיש און טהעאַטראַליש ♦ אָבער אלע מאכען מיר מע בשעת מ׳שלעפּט אונז דורך דער צייט ערגעץ אין דער ליידיגקייט אריין ♦ מיר ווייסען נישט פאַרוואָס און פאַרוואן ♦ מיר ווייסען נאָר אז נאָכדעם ווי מיר האָבען אזוי אָפּגעמעקעט א געוויסע צייט ווערען מיר אַנשווייגען ♦ נישט וורייל מיר זענען דערגאַנגען צו עפּעס א ציעל נאָר ווייל מיר האָבען שוין נישט מיט וואָס צו מעקען ♦ דאן קומען אנדערע נאָך אונז מאַכען ווידער מ ע און מ׳שלעפּט זיי ווידער ביי די הערנער און מ׳שטופּט זיי אונטער ♦ אָבער אלע געהען זייער שאָפּענגאנג ♦ אלע מאכען מ ע ♦

דער חילוק איז נאָר וואָס איינעמ׳ס מע איז מעהר
מ ו ז י ק א ל י ש ווי דעם אַנדערענ׳ס ♦ אָדער
לירישער ♦ אָדער טיפער ♦

LX

וועט סע גליהט דער פראָסט זיץ איך ביים
אויווען און קוק אויף דעם פייער וואָס
ברענט פון מיינעט וועגען ♦ דאָס שעהנע ליעבע
פייער טראכט איך עס ברענט פון מיין פארגני־
גען וועגען פונקט ווי איך אליין ברען פאר דעם
פארגניגען פון מיינע לעזער און פונקט ווי מיינע לע־
זער ברענען פאר דעם פארגניגען פון עמיצען אַנ־
דערש ♦ פונקט ווי מיר אלע ברענען פאר דעם
פארגניגען פון עפּעס א ווייטען און פרעמדליכען
גאָט ♦ און פונקט ווי אלע געטער ברענען פאר
דער שעהנכייט פון דער וועלט ♦ פייער דו מיין
פייער דו מיין ♦ איך קוק ווי דו ברענסט זיך
אוים און ווי דו ווערסט פארלאַשען אין דעם פינ־
סטערקוואל ♦ בעת דו שיפּעסט און לעבסט זינגסט
און פרעהסט זיך קומט אויף דיר באהאלטע־
נערהייד פון ערגעץ א טונקעלע כוואליע וואָס
פרעסט דיך אויף און דערשטיקט דיין פייער געדאנק
און פייפט א טייפעל־ליעד דורכ'ן קוימען ארוים ♦
אָ פייער דו מיין ♦ איך זיץ און איך רויכער מיין
ליולקע און איך הער ווי אין דרויסען קנאקען די
ביינער פון דעם פראָסט וועלכער ראנגעלט זיך מיט
זיין שונא ♦ א טשאטע ווילדע ווינטען שרייען

נאָ־געוואָלד ♦ די שוואַכערע פון זיי ווייַנען אַז
מ׳זאָל זיי לאָזן אַהיים־גיין ♦ און דו מיין
פֿייער קרעכצסט און באַהאַלטסט זיך ♦ דיין פּנים
ווערט גראָ ווי אַש ♦ דיין האַרץ ווערט פֿינ־
סטערער און קאַלטער ♦ וועסטו אויפֿהערן מיר
צו זיין געטריי דו פֿייער ♦ וועסטו אויפֿהערן צו
וואַרעמען מיין לייב ♦ שוין בלאַנד פֿאַלש פֿייער
דו מיין ♦

LXI

איך לעז וועגעז שפּאַניעז • ערגעץ א
שטעדטעלע לעבען מאדריד • דער באַ־
לעבאָס איז א בעקער מיט א בלייך־איילבירטען־
פּנים • ער קאָן זיך נישט אָפּחידוש'ען דערפון
וואָס מיר קומען פון אזוי ווייט אזש פון מאדריה •
זיין פרוי גיט אונז ווייַן און פייגען • ער דרעהט
זיינע שעהנע וואָנצען און פרעגט מיט גרויס פּאָמפּ
ווי סע פּאסט פאר א שפּאניער ו ו אָ ס מ א כ ט
ד אָ ן פ ע ר נ א נ ד אָ • און דאָנא אנא •
און די סעניאָריטא • מ'ענטפערט אז די סעניאָרי־
טא איז שוין נישטאָ • און דאָן פערנאנדאָ זיצט
כסדר אויף דער פריזבע און ווארימט זיך • דעם
שפּאניער'ס פרוי ווישט זיך די אויגען מיט דעם
שעהנעם פארטוך • און אלע געהען אוועק צו
דעם הייליגען שטיבעל ערגעץ אויף א בלאָטיגען
בארג • דער שפּאנישער בעקער זאָגט ד אָ ס
א י ז ד י ש ע ה נ ס ט ע ג ע ג ע נ ד א י ן
ג א נ ץ ש פּ א נ י ע ן • ג י ט א ק ו ק •
און ער ווייזט אויף דעם ים פון שווארצע קליינע
דעכער • פון געלע ווייטקייטען וואָס פיהרען
גאָט ווייסט וואוהין • און צו געלאָטעטע בערג
וואָס האָבען א פּנים ווי אָפּגעריסענע בעטלער וואָס

זענען אנדרימעלט געוואָרען אין דער בלאַטע ♦
איך לייען אן עסיי וועגען שפּאַניען ♦ און מיר
דאכט זיך אז איך בין אין דער היים ערגעץ אין א
גאַליציש דאָרף ♦ און דער מיסטישער שפּאַניער
איז דער פּוילישער סטודענט וואָס שלעפּט מיך ארום
איבער די הייליגע פעלדשטיבלעך און ווייזט מיר
אויף די שעהנקייטען פון זיין ערד פון זיין היים
פון זיינע האָפּענפעלדער ♦ נ י ש ט אָ א י ן
ד ע ר ג א נ צ ע ר ו ו ע ל ט נ אָ ך א ז א אָ ר ט
זאָגט ער צו מיר ♦ ג י ט א ק ו ק ♦ און איך קוק
און קוק מיט דעם שפּאַניער מיט מיין פּוילישען
סטודענט ♦ און איך זעה ערד און ערד ♦ און
אומעטום מענשען און בלאָטע טרוימען און פּארקיה־
לונג ♦ און אומעטום זעהען זיך די הויכע צלם־
שפּיצען וואָס גלאַנצען קעגען גאָט'ס נארישער זון ♦
און אומעטום בענקט מען אהין ♦ און אין אלע
א ה י נ ' ס בענקט מען ווייטער ♦ און אין אלע
ווייטערס בענקט מען נ אָ ך ו ו י ט ע ר ♦
זאָל איך זיפצען ♦ פראגע ♦

LXII

און אז דער פאָטער צ ײ ט װערט מיעד
פון אַרומשלעפּען זיך איבער אַלע װעלטען
מיט זײַן זאַמד־זײגער און מיט זײַן קאָסע זעצט ער
זיך אַװעק אױף אַ שטײן און אַ מיעדער אַ גלײַכגיל־
טיגער נעמט ער צעהלען דאָס שנירעל פּערעל װאָס
ער טראָגט אױף זײַן פאַרשטױבטען האַלז ♦ די
פּערעל װאָס באַצײכענען די יאָהרען ♦ אײנס ♦
צװײ ♦ דרײ ♦ פיער ♦ צעהן טױזענד ♦
הונדערט טױזענד ♦ פאַרװאָס איז אָט־די פּערעל
שװאַרץ װי די נאַכט ♦ אָה ער דערמאָנט זיך
קױם ♦ פאַרװאָס איז יענע רױט װי האַרצבלוט ♦
אָה ס'איז איהם שװער זיך צו דערמאָנען ♦ זײַן
אַלטער מח איז פול מיט שפּינװעב און מיט שימעל
און די יאָהרען־פּערעל אױף װעלכע ער האַלט חשבון
פון דער צײַט דערמאָנען איהם שױן כמעט גאָר־
נישט ♦ אָט איז יענע אַזאַ גראָהע װי די מדבר ♦
און יענע אַזױ גלאַנציג ♦ און אָט מישען זיך די
פאַרבען רױט שװאַרץ גראָה ♦ און דער אַלטער
װערט מיעד פון צעהלען די אױסגעטראַכטע פּערעל
װאָס ער האָט אָנגעהאַנגען אױף זײַן האַלז בלױז פאַר
אַ סימן ♦ און װעלכע די מענשען נעמען אָן פאַר
אמת'ע צירונג ♦ און די קנאָכיגע פינגער פון פאָ־

טער צ י י ט שפּיעלען פאַר׳חלום׳טערהייד מיט די
פאלשע ציערונג ♦ א צעקנייטשטער שטויביגעה
שמייכעל פאלט ארויס פון זיין קרומען מויל און
צ ע ה ל ע נ ד י ג ז י י נ ע פ ע ר ע ל ווערט ער
אנשלאפען אויף דעם ברעג פון א שאקעלדיגען פעלז
וואס הענגט איבער אן אפּגרונד ♦

LXIII

קאָרא ♦ ווי אַ שטומער צו אַ שטומען
אַזוי רעד איך צו דיר ♦ מיט מיינע
הענט ♦ מיינע גלעטענדיגע הענט ♦ מיינע
אומרוהיגע הענט ♦ און דו ♦ דו כריסטליכע ♦
דו פון מיר געבוירענע ♦ דו ביזט מיין שנאה ♦
מיין טויטע שנאה וועלכע איך ליב אַזוי שטאַרק ♦
דער צלם אויף דיין ברוסט קאָראַ דאָס איז א י ך ♦
איך הענג אויף דיין האַרץ אַ געקרייציגטער ♦ דאָס
שנירעל שוואַרצע פּאַטשערקעס וואָס איך האָב דיר
געגעבען אַ מתנה דאָס איז דער שוואַרצער שטריק
מיט וועלכען איך האָב מיך אַליין אויפגעהאַנגען
אויף דיין צלם ♦

LXIV

קאָראַ ♦ אַ שריפטשטעלער בין איך ♦
דו ווייסט עס ♦ און מיינע יסורים
זענען דער קוואַל פון מיין פרנסה ♦ וואָס מעהר
איך לייד אַלץ בכבוד'ער פיהר איך מיין שטוב ♦
אַלץ אַנשטענדיגער געהן מיינע קינדער אָנגעטון ♦
עס איז דאָס לעבען קאָראַ ♦ דאָס נישט צום־
פאַרשטעהענדיגע לעבען וואָס דרעהט זיך צונויף
ווי אַ שלאַנג און פרעסט זיך אַליין אויף ♦ דו
זעהסט מיינע נייע ברוינע שיך ♦ דאָס איז אַ
ליעד קאָראַ ♦ אַ ליעבעס־ליעד ♦ אַ ראָמאַנץ
אַרויסגעזונגען אָפּגעדרוקט איינגעקאַסירט און פאַר־
וואַנדעלט אין אַ פּאָר ברוינע שיך ♦ מיין זיידע־
נע וועש איז נישט מעהר ווי צוויי טרערען אויפ'ן
קבר פון אַ טויטען חבר ♦ און מיין פיינע שטוב ♦
מיין אויסגעצייכענט בעטצייג ♦ מיין זילבערנע
גאָפּעל־לעפּעל ♦ דאָס אַלצדינג איז מיינע יסורים ♦
מיין צער ♦ מיינע געבוירענע קינדער אַזוי גוט
ווי מיינע נישט־געבוירענע ♦ביידע קאָסטען מיך
מיינע איידעלסטע ליידען ♦ מיינע געגראַמטע
זיפצען ♦ מיין סטיליזירסטען צער ♦ אַמאָל
קאָסט דאָס נישט־געבוירענקייט נאָך מ ע ה ר ♦
גלויב עס מיר דעם אונטערגעצייכענטען אַזוי־און־
אַזוי ♦

LXV

קאָראַ טייערע ♦ ווי שעהן דיר פּאַסט
דאָס רויט־ווערען דאָס פאַרשעהמען
זיך ♦ אַ שאָד אַ שאָד וואָס די שענסטע חלומות
ווערען אויסגעחלומ'ט אין דער פ י נ ס ט ע ר וואו
מען קאָן דאָס רויט־ווערען נישט זעהן ♦ נישט
דאָס אייגענע און נישט דאָס קעגענאיבערדיגע ♦
אָ דו מיין איינציגסטע ♦ ווי רגע'ס זענט איהר
אַלע ♦ אַזוי דין און שוואַך און פאַרגעהענדיג ♦
אָבער פון אייך ווערען די טעג און וואָכען ♦
די יאָהרען און יאָהרהונדערטער ♦ איהר
זענט דאָס לעבען ♦ צענויפגעשטעלט פון די
קלענסטע טיילען פון אַ צעבראָכענער רגע ♦
איהר זענט שטענדיג די לעצטע לויכטענדיגע רגע
אויפ'ן מיסט־באַרג פון אַלטע יאָהרען און אַרויס־
געוואָרפענע טעג ♦ איהר זענט די ליבשאַפט אין
אונז וואָס געהט אַריבער אַלע ברעגען און עס ווערט
א י ה ר ♦ איהר זענט אונזער חלום פון אייך צו
וועלכען איהר קענט זיך גאָט זיי דאַנק נישט צו־
פּאַסען ♦ ווייל מיר ווילען אייך און דעם חלום ♦
איהר דער קערפּער ♦ דער חלום דאָס וואונדער־
ליכע קלייד וואָס דעקט אייך צו און רייצט אונז און
מאַכט אונז אומרוהיג ♦

LXVI

קאָראַ מײַן האַרציגע ♦ מאַך אויף
דײַנע אויגען און זעה ♦ ס׳לעבען
בליהט און זינגט ♦ אָדער אפשר װײנט עס אַזױ ♦
אויף די פעלדער גרינען די תבואות ♦ אונזער נאָך־
נישט־אויפגעגעסען ברויט ♦ דאָס איז אונזער
קראַפט ♦ קאָראַ זעה װי די מוטער זון קעהרט
מיט איהר ברייטען בעזים איבער אַלע פעלדער ♦
עס װערט ליכטיג און טונקעל און ליכטיג
װי אין דער נשמה פון אַ פאַרליבטען ♦ אויף דער
טונקלער זייט פונ׳ם פעלד ליגט דאָס בענקען ♦
אויף דער אַנדערער זייט די האָפנונג ♦ און אומע־
טום פלוידערען די קליינע יונגע בלעטער ♦ קו־
שען זייער מוטער־שטאַם און זאָגען מ אַ מ ע
מ אַ מ ע ♦ אַזױ װי דו אין די נעכט פון פאַר־
ליעבשאַפט פון אומבאַהאַלפען־זיין ♦ אַ דו מיין
קאָראַ ♦ מיט דיין שװאַכקייט צעברעכסטו מיך
װי מיט אַן אייזערנעם קנאַפּעל ♦ דיין שװאַכקייט
איז װי אַ שאַרפע שװערד אין אַ שייד פון פאַפּיר ♦
דו דאַרפסט די שװערד פון שייד נישט אַרויסציהען
כדי צו טויטען ♦ מיט דיין אומבאַהאַלפענעם לי־
גען אין טאָפּעלטען זין פונ׳ם װאָרט האָסטו מיך
געפאַנגען ♦ פון דיינע שװאַכע טרערען האָסטו

קייטען־רינגען געשמידט פֿאַר מיין נשמה ♦ האַרטער ווי אייזען ♦ שטאַרקער ווי שטאָל ♦ איצט בין איך דיין געפֿאַנגענער און דו ביזט מיין **תּפֿיסה** אַרומגערינגעלט מיט רויטע רויזענגערטנער **פֿון** וועלכע איך וויל נישט אַרויסגעהן **אין דער פֿרייער** ענגער אוממעגליכער וועלט ♦

XLVII

ביימאָג זאָג איך צו מיר אַליין איך בין עלענד איינזאַם פאַרלוירען ♦ ביינאַכט זאָג איך צו מיר אַליין איך בין עלענד איינזאַם פאַרלוירען ♦ און פון שלאָף מורמעל איך צו מיר אַליין איך בין עלענד איינזאַם פאַרלוירען ♦ און איך טרייסט מיך מיט די פיינע ווערטער מיט די מוזיקאַלישע ווערטער מיט די אינטימע ווערטער ♦ אַבער איך ווער דאַפון נישט וויינינער עלענד איינזאַם פאַרלוירען ♦

XLVIII

עס האָט געגרינט אַ וואַלד ♦ אַ
שעהן שמעקעדיג וואַלד אין וועלכען
פויגעל האָבען געפלאַטערט וואַסער־פידלען האָבען
געשפּיעלט ♦ אַ שעהן גרויס געדיכט־באַפינסטערט
וואַלד אין וועלכען עס האָבען מיסטעריען אַרומגע־
בלאָנדזשעט מיט באָרוויסע פיס ♦ אַ גרויס־גרויס
וואַלד ♦ אַ שעהן־שעהן וואַלד ♦ אַ וואַלד מיט
משוגע־געוואָרענע פאַרבען ♦ מיט פּון בענקען־
געשטאָרבענע דופטען ♦ מיט אונטער־דער־ערד־
באַהאַלטענע פריהלינגס ♦ האָט מען די בוימער
אויסגעהאַקט ♦ פון זיי פ אַ פּ י ר ג ע מ אַ כ ט
און פון דעם גאַנצען גרויסען שעהנעם ווילדען וואַלד
איז געוואָרען אַ בלאַט שרייב־פּאַפּיר אויף וועלכען
אַ לעבליכער דיכטער באַזינגט די שעהנקייט פון'ם
וואַלד ♦ מיט גראַמען צו ב אַ ל ד ש אַ ל ט
און ק ו ו אַ ל ט ♦ אָט דאָס איז ציוויליזאַציע
מיינע גנעדיגע ♦ דער וואַלד אַליין איז גאָרנישט ♦
אָבער אַז מען האַקט איהם אויס און מען שרייבט
אויף איהם אַ ל י ע ד וועגען וואַלד איז דאָס
פּ אָ ע ז י ע ♦ נאַטירליך ♦

LXIX

שניי אויף דער ערד ♦ בענקענדי־
גער שניי וואָס ציטערט קעגען הימעל
ווי אַן אַרויסגעריסען האַרץ פון אַ פאַרליעבטען
נאַר ♦ שטערען אויפ׳ן הימעל וואָס בענקען זיך
צו דר׳ערד אַראָפּ אַזוי שטיל ווי אַ פאַרלוירען ליעד
אויף דעם פליגעל פון אַ גאָלדענער פאַווע ♦ ווי
שעהן און ווי פיין די אַלע זאַכען זענען ווען מען
שטעלט זיי אַריין אין אַ ליעד פאַר זיבען טוהלער ♦
אָבער וויליידיג און נישט־נוציג זיי זענען אין אַ
וועלט פון הייזענקנעפלאַך אינפלוענציאַ אונטער־
וועש גראַמאַטיק שוועבעל־זייף סקאַנדאַלען און
פרייע פערזען ♦

LXX

קויף איך מיר אַ מאַנטעל וויל איך אַז
ער זאָל זיין טאָפּעלזייטיג • דער אינ־
וועניג זאָל זיין אַזוי שעהן און רעספּעקטאַבעל ווי
דער דרויסען • קויף איך מיר דעריבער אַ מאַנ־
טעל מיט אַ זיידענעם אונטערשלאַג • און טראָ־
גענדיג דעם מאַנטעל מיט דעם זיידענעם אונטער־
שלאַג טראַכט איך וועגען מיין געליעבטער וועלכע
איז אַך בלויז פון איין זייט • און איהר אינווע־
ניגסטער איך איז נישט פון זייד נישט פון
סאַמעט נישט פון אַטלאַס • טאַפּ איך דעם אינ־
וועניגסטען שטאָף פון דעם נייעם ווערטפולען
מאַנטעל און איך טראַכט אפשר האָב איך
מיך אָפּגענאַרט אויף מיר אַליין •
אפשר בין איך נישט ווערטה די
מיה וואָס איך האָב פאַרשווענדט
אויף צו עקזיסטירען בלויז פון
איין זייט • אפשר האָב איך מיך
נעדאַרפט אונטערשלאָגען מיט אַ
זיידענעם איך אָדער ער אָדער
ווער־נישט־איז • איך זאָל מיך קע־
נען טראָגען פון ביידע זייטען •
אַזוי ווי אַ טייערער מאַנטעל •

LXXI

מיט די ציין האַלט איך מיך צו ביי
מיינע עטליכע פֿעלזנהאַפֿטע רייד איך
זאָל פֿון זיי נישט אַראָפּפֿאַלן ♦ מיט די ציין הענג
איך אויף עטליכע אויסגעקליגעלטע פֿראַזן וואָס
שטייען צווישן מיר און אַן אָפּגרונט ♦ מיט
די ציין ♦ אָבער איך בין שוין מיד דערפֿון און
נערוועז און די רייד אויף וועלכע איך הענג ווערן
פֿון טאָג צו טאָג שוואַכער און אָפּגענוצטער און
ווער ווייסט ווי לאַנג איך וועל מיך נאָך קאָנען
האַלטן ♦

LXXII קליינער צופֿאַל ♦ איינמאָל אַרויס־
געהענדיג פֿון מיין הויז האָב איך
צופֿעליג באַגעגענט עפּעס אַן עלטערע דאַמע ♦
האָב איך צו איהר צופֿעליג אַ שמייכעל געטון ♦
און צופֿעליג ווייל דער טאָג איז גע־
ווען אַ שעהנער האָב איך פֿאַר איהר
געצויגען דעם הוט ♦ דאָס אַלצדינג איז געווען
צופֿעליג ♦ אַזוי צופֿעליג ווי עס קאָן נאָר זיין ♦
אָבער דער דאָזיגער קליינער נישט־באַדייטענדער
צופֿאַל האָט מיך שוין ביז היינט געקאָסט
4,911 שמייכלען 4,910 מאָל שאָקלען מיט'ן קאָפּ
4,908 אָפּהויבען ס'היטעל 4,907 באַמערקונגען ווע־
גען וועטער 4,906 מאָל רויט־ווערען מצד דער
דאַמע ♦ צוזאַמען אַזויפֿיעל און אַזויפֿיעל ♦ און
אַלץ צוליעב אַ צופֿעליגען שמייכעל ♦ וואָס איך
האָב צופֿעליג אַ שמייכעל געטון ♦

LXXIII

קאָראַ אפשר ביזטו אַ דיכטערין ♦
דו קוקסט מיך אָן מיט אַזוינע שענע
לידער ♦ אַזוינע הערראַישע געזאַנגען ♦ דיינע
אויגען זאָגען איך וואָלט געוואָלט
אויפמאַכען דאָס טירעל פון דיין
האַרץ ♦ דאָס טירעל צו דעם גאָר־
טען וואו איך בין פאַרזעעט ♦
איך וויל וויסען צי איך געה
שוין אויף און צי דער גאָרטען
איז גענוג געמיסטיגט ♦ קאָראַ ♦
מיין פון מיר אויסגעדיכטעטע דיכטערין ♦ ווי
שעהן דו ט אויסשווייגען די טיפסטע געדאַנ־
קען ♦ דו ביזט אַליין אַ געדאַנק קאָראַ וועל־
כען איך נעם אַרום און בעט איהם ער זאָל מיר
פאַרגינען איהם אויסצודענקען ♦ דו דאַרפסט
אויסגעטראַכט ווערען קאָראַ אַלעמאָל אויפ'ס
ניי ♦ דו מוזט ערפונדען ווערען יעדען טאָג
צווישען זעקס און זיבען פאַר־נאַכט ווען די זון
געהט אונטער ♦ דו מוזט מיין מיסטעריע זיין
טייערע קאָראַ ♦ מיין געהיימניש ♦ ווייל אַ
מענש מוז האָבען אַ סוד קאָראַ ♦ אפילו ווען
מען זאָל זיך איהם אַליין מוזען אַריינפלוידערען אין

אויער אַריין ♦ דאָס איז דער העכערער סוד וואָס
צווייגט אויף אונז אַרויף דעם פֿאַרלאַנג זיך אַרומ־
צוטראָגען מיט סודות ♦ קליינע נישטיגע פֿאַר־
שווינדענדיגע ♦ און דער וואָס באַהאַלט זיין אייַ־
גען גאָלדען זייגערעל יעדען אין־דער־פֿריה כּדי עס
אויסצוגראָבען יעדען ביינאַכט אַלס אַן אוצר איז
קיין משוגענער נישט נאָר א פילאָזאָף ♦ א דיכטער ♦
איך טו דאָס נעמליכע טייערע קאָרע ♦ יעדען
אין־דער־פֿריה באַגראָב איך די צירונגשטייַנד־
לעך פון דיין ליעבשאַפט איַנ'ם טאָל לעבען ברונען
וואו די טויבען פליהען אַרום און יעדען ביינאַכט
ווען די לבנה געהט אויף גראָב איך זיי צוריק אויס
און איך פרעה מיך ווי מיט אַן אמת'ען אוצר ♦

LXXIV

קאַראַ ♦ אַ שריפטשטעלער בין
איך ♦ און אַלס אַזאַ־איינער מוז
איך באַשרייבען די נאַטור אַזוי פּינקטליך גלייך איך
וואָלט זי געהאַלטען ביים פּאַרקויפען ♦ אויבען
אַ באַרג מיט דרייצעהן יונגע ציפּרעסען־בוימער
און אונטען אין טאָל ציהען זיך אַוועק האַבער־
פעלדער אויף אַקוראַט הונדערט־און־צעהן מייל ♦
דער הימעל איז בלאָה סכנות נפשות ♦ אַ זיל־
בער׳ן טייבעל גאַראַנטירט שטערלינג פליסט און
פליסט און פליסט נאָך א ביסעל ♦ און היינט די
ראַ—זען ♦ די לי—ליען ♦ די נאַר—ציסען ♦
קאַראַ טייערע ♦ אַט דאָס איז דער גורל פון אַ שריפט־
שטעלער ♦ ער מוז זיין אַ דיכטער רעקלאַ־
מיסט ♦ שניידער ♦ אַלצדינג אין איינעם ♦
און נאָכדעם ווען ער באַשרייבט די נאַטור גלייך ווי
ער וואָלט זי האַלטען ביים פּאַרקויפען מוז ער זיך
אַ נעם טון צו דער שניידערישער אַרבייט און באַ־
שרייבען זיין געליעבטער׳ס קלייד ♦ און זי
האָט געטראָגען אַ קלייד פון
פּאָטעראַנצען־וואָל און פּורפּור־
גומי ♦ עס איז געלעגען אויף
איהר אַ ביסעל צו ענג ביים

אריינגאנג ♦ פון אונטען האט
באס קלייד עלעוועניינציג בור־
שטיינענע קנעפלעך ♦ יעדער בור־
שטיינען קנעפעלע איז געווען
אנגענייט מיט א פאדים פון
מירמעלשטיין ♦ אויף דער לינ־
קער ברוסט איז געוועזן אויס־
געשטיקט א גאלדענער צימע־
רינג־פויגעל מיט כריזאנטעמען
און דער גארטעל איז געווען
פון פאטשערקעס זיבעטהאלבשע
ארשין אין דער לענג ♦

LXXV

קאָרא טייערע ♦ דער טאָג פאָהרט
שוין ב״ה אוועק ♦ די לבנה געהט
אויף ♦ און דאָ פאַלט מיר איין אַז אַזויפיעל דיכ־
טער האָבען שוין צ ו ם ט י י פ ע ל באַזונגען
דעם ז ו נ ע נ א ו נ ט ע ר ג אַ נ ג ♦ אָבער דעם
אונטערגאַנג פון דער ל ב נ ה ♦ צי האָט איהם
אימיצער באַזונגען ♦ און פאַרוואָס ♦ צי איז
דען ס׳אונטערגעהן פון אַ בלאַס יונג לבנה׳לע
ווייניגער שעהן און טראַגיש ווי דאָס אונטערגעהן
פון אַ רויטער באַלעבאַטישער זון ♦

LXXVI

קאָראַ מיינע ♦ איך קוש דיך און זאָג דיר אַדיע ♦ דאַביי פאַרגעס איך נישט אַז דו ביזט מיין שנאה וועלכע איך האָב אַזוי ליעב ♦ אַז דו ביזט אַ שוועסטער־אין־גלויבען פון דַי פאַליאַחים ♦ און זיי וויסען זיין זאָג איך דיר מיט׳ן לעצטען קוש אַז איהר הרג׳עט אין אונז בלויז דאָס וואָס איז כריסטליך ♦ דאָס וואָס איז אורכריסטליך ♦ דערשלאָגען ♦ אונטערטעניג ♦ וואָס מעהר איהר הרג׳עט אונז אַלץ אידישער ווערען מיר אַלץ שטאַרקער אַלץ נקמה׳דיגער אַלץ אייביגער ♦ איך קוש דיינע ליפען קאָראַ ♦ די ליפען פון מיין טויטער שנאה וועלכע איך האָב אַזוי ליעב ♦ נאָך אמאָל אדיע מיין דערווייל־געשטאָרבענע קאָרא ♦ ערוואַרט מיך אויף דיין קבר מיט אַן אנ־דערער ♦

LXXVII

אָון דוקא נאָכאַמאָל צו קאַראַ,ן ♦
פּריוואַט שפּריכוואָרט ♦ פאַר דער
קלענסטער צאָהל אייגענע וואָס פאַרשטעהן מיך ♦
נאָכ׳ן פליסיגען ברוינעם פייער פון מיין אויג ♦
נאָך דעם שטילען קווינקווילירען אויף דער בענק־
שאַפט־מאַנדאָלינע וואָס הענגט שטענדיג איבער
מיין בעט אין הינטערגרונד רעכטס ♦ נאָך מיין
שטילען אַהין־און־אַהער שפּרייזען אין גאָט׳ס ענ־
גער וועלט וואו איך בין געפאַנגען ווי אַ צירקוס־
בער וואָס קאָן שוין דאַנקען גאָט טאַנצען און עסען
צוקער פון דער האַנט ♦ מיין בריף צו דיר ♦
דו האָסט דיך שטיל פאַר׳גנב׳עט
אונטער דעם פענסטער פון מיין
פּריוואַטקייט ♦ געעפענט דעם
פאַרשטויבטען פאָרהאַנג און
אַריינגעקוקט ♦ דו שלעכטע באַ־
טריגערישע ♦ דו וואָס דו ווילסט
מיינע סודות וויסען אָבער נישט
טיילען ♦ דו שוישפּילערין ♦
אויסגערעכענטע ♦ איינשטודיר־
טע ♦ דו ווייסט אַקוראַט ווען
אָפּצוגעהן מיט אַ גראַציעזער

פאַרנייגונג איבערלאָזענדיג נאָה
זיך ס'גרויש פון דיין קלייד און
אַ בענקשאַפט ♦ קאַראַ ♦ מיט
שטילע געבעטען איז מיין היים־
שטיבעל פאַרפולט און מיט
בענקשאַפט צו דיר ♦ צו דיר דו
שטאַרק אַוועקגעריסטע ♦ דו
ווייטסטע ♦ מיין דערוואַכונג
האָסטו נישט געטאַרט זיין קאַראַ
טייערע ווייל דו ביזט מיין
שלאָפמיטעל ♦ מיין פאַרשלעפע־
רונג ♦ מיינע אוממעגליכע מעג־
ליכקייטען ♦ טייערע ♦ טייערע ♦
טייערע ♦ ווי שלעכט ביזטו מיט
דיין גוטקייט ♦ כריסטליכקייט ♦
ווי טויטליך דאָס איז ♦ אין דיין
איידעל־זיידענער שוואַכקייט־
נעץ ליג איך געפאַנגען ♦ צאַפעל
מיך און קוק אין האַנט־שפּיגעל
צי עס פאַסט מיה צו די צעוואַר־
פענע האָה ♦

LXXVIII

מיט'ן געוויין פונ'ם נאַכטווינט וואָס
איז געשלאָפען מיט מיר זאָג איך

דו ביזט אַ סודות־רויבערין • אַ
חלומות־גנב'טע • פלינק האָסטו
דיך פאַר'גנב'עט אונטער'ן פענ־
סטער פון מיין נשמה־טורעם
און אַריינגעבליקט אין מיין
נשמה־נאַקעטקייט • מיך באַליי־
דיגט און דערפרעהט • אַריינקו־
מען אינווענייג האָסטו נישט גע־
וואָלט • האָסט מורא געהאַט •
און אינגאַנצען בלייבען אין
דרויסען האָט נישט דערלאָזען
דיין מיידלישער נייגיר • האָסטו
שטיל שטיל מיינע פענסטער־
פאַרהאַנגען צעעפענט • אַריינגע־
בליקט • אַוועקגעטראָגען אַ שמיי־
כעל אין דיינע געפליגעלטע
שוואַרצאַפּלען און פאַרשוואונדען
געוואָרען •

LXXIX

קאָראַ ♦ עס הויבט אָן צו זומער־
רען ♦ די בוימער ווערען שווער־
אָנגעבלעטערט ♦ אַ וואַרימע זונגרינקייט וואַרפט
זיך דעם לעבען אויפ׳ן האַלז און וויל עס נישט אָפּ־
לאָזען ♦ צי בין איך נישט אַ טייל פון דעם אַלע־
מען קאָראַ ♦ זאָל איך מיך דען נישט צעשמייכ־
לען ווי דיין יונגע נאַקעטקייט מיר בליהענדיגע
גערטנער אין די אויגען ♦ מיט זינגענדיגע טייַ־
כען אין דער נשמה ♦ קאָראַ מיין וויינגאָרטענ־
דיגע ♦ נעם מיך אַרום און אַרום׳ער ♦
באַגראָב מיך אונטער די ווייסע בערג פון דיין ליב־
שאַפט ♦ מיט דיינע צעשפּרייטע אָרעמס וועסטו
זיין מיין צלם־מצבה ♦ און די זאַפראַן־רויטע האָר
פון דיין קאָפּ וועלען זיין די ווייַנענדיגע ווערבעס ♦
די רויטע וויינענדיגע ווערבעס וואָס וועלען באַיאַ־
מערען מיין געוועזענקייט ♦

LXXX

קאָראַ מײַן קאָראַ ♦ איך בענק ♦
דו ציטערסט ♦ אפשר צומאַכען
ס'פענסטער ♦ אינ'ם וועלדעל פרעסטעלט דער
ווינט און די בּאַרענבליהונגען שרעקען זיך ♦ איך
בענק נאָך דער אַלטער שוהל אין מײַן היימשטאָט ♦
קאָראַ טײַערע פאַרשטעהסטו דען ♦ דו מיט די
זאַפּראַן־בּלאַנדע לאָקען ♦ דו מיט'ן פאַר'חלש'טען
שמייכעל ♦ מיט די רעזיגנירט־פאַרוואָרפענע צלם־
אָרעמס ♦ מיט די צוויי ברוין־לאַכענדיגע טרע־
רען־ברונענס ♦ פאַרשטעהסטו דען וואָס עס
הייסט צו האָבען אַן אייגענעם גאָט אַ ש ט ע נ ד י ־
ג ע ן וואָס זיצט אייביג ביי זיך אין דער היים און
מען קאָן צו יעדער צייט אַרויפבליפען צו איהם ♦
איהם אַלצדינג דערצעהלען מיט ליפּען וואָס ליגען
טויט איינס אויפ'ם אַנדערע ווי מתים אויף די
שלאַכט־גערטנער אָדער ווי פאַרליבטע אין דער ער־
שטער נאַכט ♦ אַ קאָראַ ♦ אויך דו ביזט
מעהר־ווייניגער אַ גאָט ♦ אָבער ווען ביזטו דען
אין דערהיים ♦ ווען האָסטו דען די יעהאָוואַ־
געדולד צו זיצען אויף א י י ן אָרט און וואַרטען ♦
קאָראַ איך דאַרף אַ שטענדיגען גאָט ♦ איך דאַרף
אַ גאָט וואָס זאָל האָבען אַ סך געדולד ♦ אַ סך

רחמנות ♦ די געטער מיט די זאַפֿראַן־בלאַנדע
צעפּ און ברוינע אויגען זענען אַזוי פֿאַרנומען מ י ט
ז י ך א ל י י ן ♦ די שוהלען וואו מען קאָן צו
זיי דינען זענען פֿאַרריגעלט פֿאַר דעם פרעמדען ♦
פֿאַר דעם מידען ♦ פֿאַר דעם אומבאַקאַנטען ♦
און בעטען מיר צו אייך עסט איהר אין דער זעל־
בער צייט לאַנדרין־באַנבאַנעם און איהר הערט נישט
אונזער געבעט ♦ און וויינען מיר צו אייך אַרויף
אונטער׳ן פענסטער זענט איהר נישטאָ אין דער־
היים ♦ נאָר אַז מיר זינגען צו אייך שירה דע־
מאָלט הערט איהר אויף עסען לאַנדרין־באַנבאַנעם ♦
איהר האָרכט פון אונז ס׳לעבען אַרויס ♦ איהר
האָרכט פון אונז אַרויס יעדען טראָפען נאָך־נישט־
אָנגעטראַכטען שכל ♦ איהר בייזע ♦ איהר גו־
טע ♦ איהר פֿאַרגעהענדיגע ♦ איהר אייביג־
סטע ♦

LXXXI

קאָראַ ♦ דער שלאָף פלאַטערט אַרום אין דיינע אויגען ווי אַ פֿויגעל וואָס מען האָט איהם די נעסט אַוועקגע'גנבֿעט ♦ איך בין דער גנב ♦ ליבע פיינע וואַרעמע זאַפ־ראַן־בלאָנדע קאָראַ ♦ נאָך אַ ווײַלע און איך וועל אויפהערען מיין שווערע ליטעראַרישע אַרבייט ♦ די זומערזאמלונג פון וואָרט־פליגען וואָס גיהען אוים אויף דער שויב און וואָס מיר נעמען זיי צע־נויף אין אַ גרין־זיידען טיכעל און מיר שיקען זיי אַוועק אויף די פליגען־בערזע פון ווערטער ♦ אין רעדאַקציעס ♦ קאָראַ ♦ ווי אין די מענשליכע יסורים אַזוי איז אין אונזער פאַך די מאָס קיינמאָל נישט פאַרפולט ♦ און די קאָנקורענץ איז זעהר גרויס ♦ די קאָראַ ביזט מאַטעריאַל פאַר מיין קונסט ♦ מוז איך מיך מיט דיר באַשעפטיגען אַזוי פלייסיג ווי מעגליך כדי אין די שפּעטערע יאָהרען זאָל די קריטיק קענען אַ באַמערק טון ד ע ר ה ע ר ע ם ע ן ה א ט ז י ך מ י ט ק ו נ ס ט ב א ש ע פ ט י ג ט ♦

LXXXII

פאַפּירען • פּאַפּירען • דער וועג צו אונזער דערלייזונג איז אַ פּאַפּירע־
נער און אַז משיח וועט קומען וועלען די צדיקים
געהן אויף אַ פּאַפּירענער בריק אין גן־עדן אריין •
ס׳איז אַ פּאַפּירענע וועלט • אונזער לעבען איז אַ
פּאַפּירענס און אונזער טויט איז א זאך וואָס באַ־
שרייבט זיך אויף פּאַפּיר • ערגעץ איז פאַרלוירען
געגאנגען א פּאַפּיר און ס׳האָט זיך געטון חושך •
מאַרקיזען זענען געשפּרונגען פון דעכער • גע־
היימאַגענטען האָבען זיך פאַר׳סמ׳ט • שפּיאָנען
האָבען זיך באַהאַלטען אונטער ציין־בערשטלאַך •
מיליטער איז געלאָפען און געשאָסען • און אַלץ
צוליעב דעם פאַרלוירענעם פּאַפּיר וואָס מ׳האָט נישט
געקענט געפינען • דאָס פּאַפּיר דאָס פּאַפּיר •
ווען מ׳זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל
קענען געפינען דאָס ריכטיגע פּאַפּיר וואָלט
די גאַנצע וועלט געווען געראַטעוועט • אָבער אך
מען קאָן דאָס נישט געפינען • מ׳ווייסט נישט
וואו ס׳איז באַהאַלטען • שוין טויזענטער און טויי־
זענטער יאָהרען אַז די מענשהייט זוכט עפּעס אַ פּאַ־
פּיר • זי זוכט עס אין אַלע ראָמאַנען אין אַלע

מעלאָדראַמען אין אַלע שעהנגעשיכטען אין אַלע לאַנד־סקאַנדאַלען אין אַלע וועלט־פּלאָנטערס ♦ אומעטום זוכט זי דאָס געוויסע פּאַפּיר וואָס איז פאַרלוירען געגאַנגען ♦ אַמאָל געפינט זי עס אָבער ס׳איז נישט דאָס ריכטיגע ♦ ס׳איז בלויז אַ פעלשונג ♦ דאָס אמת׳ע פּאַפּיר קאָן מען נישט געפינען ♦

LXXXIII

אַלע באַוועגען זיך ♦ זיי באַוועגן זיך אַהער ♦ זיי באַוועגן זיך אַהין ♦ זיי באַוועגן זיך דאָקטאָרהערצליש ♦ זיי באַוועגן זיך מיכאַלבאַקוניש ♦ זיי באַוועגן זיך קאַרלמאַרקסיש ♦ זיי באַוועגן זיך טאָלסטאָי'איש ♦ זיי באַוועגן זיך אין אַלע ריכטונגען און אין אַלע געגענריכטונגען ♦ זיי באַוועגן זיך דאַפּיר און זיי באַוועגן זיך דאַגעגען ♦ זיי באַוועגן זיך אַהין און צוריק און פֿאַרקעהרט ♦ מען באַוועגט זיך אויף אַלע אופנים ♦ נאָר איך איינער שטעה און קוק און טראַכט צ ו ו אָ ס אַ ז ו י פֿ י ל ב אַ ו ו ע ג ו נ ג ♦ און אויב שוין יאָ באַוועגן זיך צו וואָס באַוועגן זיך מיט אַזאַ טומעל מיט אַזאַ גערויש ♦ צו וואָס באַוועגן זיך כסדר אויף א י י ן זייט און לאָזען די אַנדערע טיילען אומבאַוועגט ♦ און ווי אַזוי ווייסט דער מענש אַז ער דאַרף זיך באַוועגן אַקוראַט אַ ה ע ר און נישט אַ ה י ן און וואו עס איז אַהער ♦ און ווי אַזוי פֿאַרדרעהט זיך איהם נישט דער קאָפּ פֿון באַוועגען זיך אויף א י י ן פּונקט ♦ און ווי אַזוי קאָן דער מענש א י ב ע ר ה ו י פּ ט דענקען אַז ער דאַרף אָנשטרענגען דעם גאַנצען כח אויף צו האַל־

טען זיך זעלבסט אין באַוועגונג ♦ אַלע אַלע באַ־
וועגען זיך ♦ נאָר איך איינער באַוועג מיך
זעהר לאַנגזאַם און אויף אַלע זייטען ♦ איך באַ־
וועג מיך אי אַ ה ע ר אי אַ ה י ן ♦ איך באַ־
וועג מיך אַ ר י י ן און איך באַוועג מיך אַ ר ו י ס
מיט דער זעלבער באַגייסטערונג פאַר דער זאַך ♦
אַז איך כאַפּ מיך אַז איך באַוועג מיך צו שטאַרק
הויב איך זיך אָן באַוועגען צוריק־צו־וועגס און דער
קאָפּ הערט זיך מיר אויף דרעהען ♦ איך באַוועג
מיך מיט אַ מאָס און נישט צו שנעל און נישט צו
אָפּט און נישט אויף אי י ן זייט ♦ איך באַ־
וועג מיך אין אַ ל ע ריכטונגען מיינע הערען ♦

LXXXIV

איך בין דאָס זאַמד דורך וועלכן עס לייטערט זיך דאָס וואַסער פֿונ׳ם קוואַל ♦ דורך בלאָטיגע וועגן קומט דאָס וואַסער ♦ פֿון פֿאַרדעכטיגע בערג פֿון זומפּיגע פֿעלדער ♦ אָבער דורך מיין ריין האַרץ גייט עס דורך און עס ווערט געלייטערט און ריין ♦ איך בין דער שטילער ברודער פֿונ׳ם קוואַל ♦ זיין געטרייער וועכטער ♦ זיין נישט־באַזונגענער פֿריינד ♦ און ווען דער קוואַל זינגט און לאַכט זינגט ער אַוועק לאַכט ער אַוועק אַ טייל פֿון מיין לעבן ♦ איך בין דאָס זאַמד דאָס שטילע פֿאַרגעהענדיגע זאַמד ביים ברעג פֿון אַ לעבעדיג וואַסער וואָס פֿרעסט מיך אויף ♦ איך בין דאָס שטילע זאַמד דאָס באַשיידענע זאַמד וואָס בהמות טרעטען דערויף מיט די פֿיס בעת זיי טרינקען דאָס וואַסער וואָס איך דאָס זאַמד האָב פֿאַר זיי געלייטערט ♦ איך בין דאָס זאַמד דורך וועלכן עס געהען דורך אַלע אומריינינגקייטען פֿון דער וועלט כדי דער קוואַל אַליין זאָל זיין לויטער ווי קרישטאָל ♦ איך בין דער נאָך־נישט־געוואָרענער פֿעלזענשטיין וואָס וועט אַמאָל אַראָפּפאַלען אויף אייך און אייך באַשטראָפֿן פֿאַר אייערע

זינד ♦ איך בין דאָס זאַמד ביים ברעג פונ׳ם
קוואַל ♦ איבער מיין האַרץ פינקלען די לוסטיגע
וואַסערפערל אָבער איך אַליין בין שטיל פאַרשוויגען
און גראַה ♦ איך בין דאָס אומעטיגע זאַמד וואָס
לייטערט די פרייד פונ׳ם לעבען און האַלט זי פריש ♦

LXXXV

קונסט איז אַ וועלט אָבער נישט
קיין אינזעל ♦ נישט קיין שווים־
ברעט אויף וועלכען זיך אַוועקצוזעצען אין צייט פון
אַ וואָלקענבראַך ♦ נאַראָנים און איבערגעוואַק־
סענע קינסטלער ווייסען עס נישט ♦ זיצען זיי
אויף דעם קליינעם גרינבאַזונגענעם אָפּגעזונדערטען
אינזעל פון קונסט און פלעכטען סאָנעטען צו פער־
צעהן שורות אַ שטיק ♦ בויען עפּישע געדאַנקען
מיט אויסגעצייכענטע גראַמען ♦ מאָלען מאָדער־
נע בילדער אין וועלכע דער דאָ איז דאָרטען
און דער דאָרטען איז דאָ און אויף דעם
קליינעם עגאָאישען אינזעל זיצען זיי רוהיג און זי־
כער פאַרטון אין דער קונסטמאַ־
כעריי אין דעם אַרומשלייפען פון אַ בלאָה
קונסט־שטיינדעל אין דעם אַרומשפּיצען פון אַ גע־
זאַנגיג וואָרט ♦ אַרום דעם קליינעם אינזעל ברענט
די וועלט ♦ שמעלצען זיך די הימלען ♦ ווערען
די ימים פון שרעק פאַרשטיינערט ♦ טראָגען זיך
קולות פון דער משוגע־געוואָרענער פאַרצווייפלונג ♦
פאַרגעסט דער רויטפאַרשלאָפענער טאָג די נאַכט
איבערצובייטען ♦ אָבער אַרום דעם קליינעם אינ־
זעל אַרומגערינגעלט מיט אַ פּעם־

טונג פון קאווע־און־קוכען
אָפּגעזונדערט פון דער גרויסער
וועלט מיט א וואַנט פון בלאַהע
נאכטיגאלען ארומגענומען מיט
א רינג פון דין־געקייטעלטע זע־
פיר־ווינטען און געשיצט דורך
וועלט־וויכטיגע זשעסטען פון
קולטורעריי זיצען זיי די קונסט־פריסטער
אין דער פאַרביגער בלאָטע פון זייער אָפּגעזונדער־
טען אינזעל און זיי שפּילען זיך מיט גאָלדענע שמע־
טערלינגען מיט ווייסע לעמעלעך מיט רויטע קאַר־
שען מיט רויזען־סענטימענטען מיט ליליען־חלומות ♦
און וואָס געהט זיי אָן די גרויסע וועלט ♦ וואָס
פאַר אַ שייכות האָבען זיי מיט אַזוינע אומפּאָעטישע
זאַכען ווי ערדציטערנישען ♦ וואָס געהט זיי אָן
אַזאַ קליינגקייט ווי אַ וועלט־אונטערגאַנג ♦ אין
זייער פאַרביגער בלאָטע זיצען זיי און שפּילען
זיך די ליעבע קינדער ♦ און אַז זיי
האָבען זיך גענוג אָנגעשפּיעלט ווערען זיי אומעטיג
און באַטריבט דערפון וואָס די גרויסע וועלט גיט זיך
אָפּ מיט אַזוינע נארישקייטען ווי מלחמה און
מ'קוקט זיך נישט אום ווי זיי זיצען און שאַפען
אויף זייער קליינעם אינזעל ♦ אויף זייער רוהיגען
אינזעל ♦ ווי גוט איז יענע וואָס קאָנען רוהיג
צעהלען זייערע קרעלען בשעת עס געהט אונטער
אזא שעהנע אזא אונערהערטע וועלט ♦

LXXXVI

וואַרנונג ♦ איך וועל אמאָל אָנ־
שרייבען א סאטירע אויף די
געטערהייטען וואָס וועט ווערט זיין אפשר זעקס
הונדערט טוהלער ♦ איך וועל מאָהלען די צוויי
אויסגעשפּיעלטע געטער ד ע ם א י ד י ש ע ן
א ו ן ד ע ם ק ר י ס ט ל י כ ע ן ווי זיי געהן
ארום געאָרעמט איבער די הויכע הימלען און
האָבען צו טון מיט וואטע ♦ די פלייסיגע מלאכים
געהען ארום און קוועטשען אויס די ווייסע וואָלקענס
און טריקענען זיי אויף דער זון און מאכען פון זיי
געטליכע וואטע ♦ און סע קומט דער הייליגער
שאבאס און די אידען־קינדער שטעהען אין די
קלויזען און שרייען געוואַלד דעמאָלט זעהט מען
ווי דער אלטער יעהאָווא געהט ארום מיט וואטע
אין די אויערען ♦ און אז דער יונגער גאָט קריס־
טוס דערזעהט אז דער אלטער געהט ארום מיט
וואטע אין די אויערען ווייסט ער אז ס׳איז שבת ♦
און אז סע קומט דער הייליגער זאָנטהאָך און די
קריסטליכע פּויערים־קינדער שטעהען אין די קלוי־
סטערס און דאַוועגען דעמאָלט זעהט מען ווי
דער יונגער קריסטוס געהט ארום מיט וואטע אין
דער נאָז ♦ און אַז יעהאָווא דערזעהט אַז זיין

געוואלדיגער זוהן און קאָנקורענט געהט ארום מיט געוואטעוועטע נאָז־לעכער ווייסט ער אז ס׳איז זונטאָג ♦ און אזוי געהט די געטליכע וואטע פון נאָז־צו־אויער פון אויער־צו־נאָז ♦ ווייל די גאָט־הייטען זענען גוטע גאָטהייטען און זיי באָרגען זיך איינס ס׳אנדערע די וואטע ♦

LXXXVII

ערלויבט מיר א וואָרט וועגן
סימבאָליזם אין דער ליטעראַ־
טור ♦ איהר מיינט אז איהר ש ר י י ב ט
סימבאָלען ♦ אז איהר שאפט זיי ♦ אז איהר
דיכטעט זיי אוים ♦ דאָס איז נישט אמת ♦
סימבאָלען ווערען נישט געדיכטעט ♦ סימבאָלען
ז ע נ ע ן ♦ יעדע זאַך מ י י נ ע ב ר י ד ע ר
ש ר י פ ט ש ט ע ל ע ר האָט אין זיך א סימבאָל ♦
א מיסטעריע ♦ און נישט נאָר דער ע ר ג י ץ־
ע ר ג י ץ אָדער דער ו ו י י ט־ק ו י י ט אָדער
דער בלאָנזשענדיגער משיח נאָר אלצדינג אין אונזער
לעבען איז א סימבאָל ♦ א צייכען ♦ אן אָנוויין ♦
א משל ♦ דאָס גאנצע לעבען מ י י נ ע ג ע־
ל י ע ב ט ע איז א סימבאָל ♦ אן אויסגעטראכט־
קייט ♦ אַ פיקציע ♦ אין יעדער זאַך אפילו
אינ׳ם טיש אָדער אינ׳ם פלעשעל טינט ליגט
א סימבאָל ♦ מען דארף נאָר וויסען ווי אזוי דעם
דאָזיגען סימבאָל א ר ו מ צ ו ש ר י י ב ע ן אזוי
אז ער זאָל נישט ארוים ♦ ניין מ י י נ ע ל י ע־
ב ע ג ע ט ר י י ע ♦ מיר שאפען נישט קיין סימ־
באָלען ♦ מיר קאָנען זיי נישט שאפען ♦ דאָס
בעסטע וואָס א שריפטשטעלער קאָן טון איז ארומ־

רינגלען דעם סימבאָל מיט ווערטער און איהם נישט
לאָזען ארויספליהען ♦ אָבער קיינער פון אונז
שאפט נישט קיין מיסטעריע אָדער סימבאָל ♦
פונקט ווי קיינער פון אונז שאפט נישט דעם מאַ־
טעריאל פון וועלכען עס ווערען חלומות געמאַכט ♦

LXXXVIII

איך בין אייפערזיכטיג אויף מיין נאָמען ♦ פון טאָג־צו־טאָג ווערט מיין נאָמען שעהנער און איך מיאוס׳ער ♦ וואָס מעהר איך גיב אָפּ מיינע טעג אויף מיינע ליטעראַרישע ארבייטען אלץ געזונטער ווערט מיין נ אָ מ ע ן און אלץ שוואכער ווער א י ך ♦ וואָס העכער עס קלינגט מיין נאָמען אלץ נידעריגער קלינגט מיין קול ♦ אלץ שוואכער ♦ אלץ מיעדער ♦ מיין נאָמען פרעסט מיך אויף ווי א בייזע חיה ♦ ער פארצוקט מיך און מיינע ביינער קנאקען צווישען זיינע גרויזאמע אונשטערבליכע ציין ♦ אין די טעג ווען איך ליג און מאַטער זיך פון יסורים ♦ אין די נעכט ווען דער שלאָף ווייכט פון מיין צעקאָפּענס דעמאָלט געהט מיין נאָמען ארום א פרעהליכער א שטאָלצער א לאכענדיגער און ער קניפּט אָן נייע באקאַנטשאפטען מיט דאמען און הערען ♦ און אז דער טויט וועט כאַרכלען אין מיין האלז וועט מיין נאָמען ארומשוועבען א געזונ־טער א לוסטיגער און וועט זינגען ט ר א ל א ל א ♦ און ער וועט זיך אָנהענגען אויף די געפארבטע ליפּען פון באוואוסטע פרימאדאָנאס און נישט אָפּ־טרעטען פון דאָרטען ♦ פארשאָלטען זאָל ווערען

מיין נאָמען ♦ ער וועט נאָך מיין טויט געהן אויף
באַנקעטען און וועט לעבען א גוטען טאָג בעת א י ך
א ל י י ן וועל זיין קאַלט און געשטאָרבען ♦

LXXXIX

עס וועט פֿריהלינגען היינטיגעס יאָהר ליעבע פֿריינט ♦ עס וועט זיך צעבליהען און צעשמעקען די ערד ♦ וואַלדרויזען וועלען ראָמאַנצירען מיט די וואַלדרויזענטעס און חתונה האָבען ♦ ביהנען וועלען זיך אָנטון זייערע יום־טוב׳דיגע קליידער און אַרומפֿליהען רעדען שדוכים ♦ די לוסטיגע פֿריהלינגווינטען וועלען אויסזינגען אַ וויינענדיגען מזל־טוב און די אַלטע פּיעל־פֿאַרהייראַטע מוטער ערד וועט נעמען געהן צו קינד מיט איהר גרינוואַרג און זי פֿאַרדעקען מיט די פּרוכפּערונג פֿון איהר לייב ♦ עס וועט פֿריהלינגען מ י י נ ע ב ר י ד ע ר ♦ דאָס צע׳מלחמה׳טע מוטערל נאַטור וועט זיך אויף אַ ווייל פֿאַרגעסען אין איהר שמוצאַרבייט ♦ וועט זיך אָפּוואַשען די הענט אין די לויפֿענדיגע פֿריהלינג־שטראָמען ♦ וועט זיך אויסבאָדען דעם פֿאַרבלוטיגטען שטערען אין אַ זונטייך ♦ וועט זיך אָנטאָן אַ גרין פֿריש פֿאַרטוך ♦ וועט זיך באַהענגען די אויערען מיט גרינע עדעלפּרוכט ק אַ ר ש ע ן מ אַ ר ע ל ע ן פ ע ר ע ש ק ע ס און זי וועט ליגען צעשפּריים און צעשמייכעלט און זי וועט רעדען פֿון ליעבע ♦ איהר בעט וועט זיין פֿיינפֿריש און אויסגעשפּרייט

מיט יונגען צוזעט ♦ די יונגע ווינטפערד וועלען
לויפען צעשוימטע איבער די גרינע שלאכט־בערג
און אנזאגען די בשורה אז ד י מ ו ט ע ר נ א־
ט ו ר א י ז ג א ט צ ו ד א נ ק ע ן פ א ר־
ל י ע ב ט ♦ פרעהט אייך קינדער ♦ און די
קינדער וואס האבען א צוואנציג־דרייסיג פריהלינגס
געזעהן קומען און פארגעהן ♦ מיט נארישע קאר־
שענקושען וואס פאלען פון די ביימער אראפ ♦
מיט די בוים־ווערים ♦ די דאזיגע קינדער ליגען
איצט אין פוילפייכטע גריבער פארחיה'ט און פאר־
וואהרלאזט ♦ זיי קוקען דעם יונגען פריהלינג אין
די אויגען אריין ♦ זיי הערען זיינע זיסע געזאנגען
וועגען ליעבע און זיי וואלטען דעם שעהנאויסגע־
פוצטען פריהלינג געוואלט אין פנים ארייגשפייען ♦
איהם זאגען אז זיי האבען איהם פיינט מיט יעדען
ציטער פון דער נשמה ♦ אז עס עקעלט זיי צו
זעהן ווי ער געהט ארום איבער טויטע מענשענבערג
מיט גרינע פינגערפוצטע שטיוועל און ער גיט אפ
לאנגע וואכען פון זיין צייט אויף ארויסצעקושען פון
דר'ערד א נאריש גראזבלעטעל ♦ עס וועט פריה־
לינגען ל י ע ב ע ד י כ ט ע ר ♦ נעמט ארוים
אייערע שרייבפיעדלען און ווערט באגייסטערט ♦

LXL

די וועלט איז ווי א גרויס געשעפט ♦
ווי אן אמעריקאניש געשעפט ♦ געהט
אריין אין א שוך־געוועלב אָדער אין א ש נ י פּ ס־
לֿ ע ר י י און איהר וועט זעהן אז אויף די פּאָליצעס
שטעהען א מאסע שאכטלען וואָס פון דרויסען זעהען
זיי אוים ווי זיי וואָלטען געווען אָנגעפילט מיט
סחורה אָבער אינווענדיג זענען זיי לעדיג און אהן
אינהאלט ♦ צום פרעגען ♦ צו וועלכען צוועק
שטעהען דאָרט די לעדיגע שאכטלען און וואָס איז
זייער אויפגאבע ♦ צום ענטפערען ♦ די אויפ־
גאבע פון דידאָזיגע שאכטלען איז אָפּצונארען דעם
עולם ♦ מען זאָל מיינען אז דער געוועלבניק טוט
גרויסע געשעפטען ♦ געשעפטען ריזיגע גע־
שעפטען אונגעהויערע ♦ און איז דען די וועלט
נישט ס׳גרויסע געשעפט פון דער הימעל־מאכט ♦
איז דען נישט די אויפגאבע פון דער גאָטהייט צו
מאכען אן איינדרוק אויף איהרע קונדען מען זאָל
מיינען אז די וועלט איז א גרויסער ערפאָלג און אז
דאָס לעבען איז א ריזיגע אונטערנעמונג מיט
בראנשען אויף דער פּראָווינץ ♦ און דעריבער
מ י י ן ק י נ ד איז צו זעהן אזויפיעל מענשען מיט
לעדיג־געהענדע נשמות ♦ פּוסטע שאכטלען אין

דעם געשעפט פון טויט און לעבען ♦ דען גע־
שעפטלעריש איז די גאָטהייט און זי האָט מורא פאַר
קאָנקורענץ ♦ פוצט זי דערי בער יעדען טאָג
די שוי־פענסטער פון איהר געוועלב זיי זאָלען בלי־
צען און פאָדערען אויפמערקזאַמקייט און די הענט־
לעך פון דער וועלט־טיר זענען אזוי פאַרפיהרעריש
און די שילדען זענען געמאַכט פון שרייענדיגע זנען
און לבנות כדי עס זאָל רופען און צוציהען ♦ גאָט־
הייט איך ווינש דיר ערפאָלג אין דיין אונטערנע־
מונג ♦

LXLI

א בריעף צו מיין ליבען שוואָגער ♦ זיי וויסען אז עס זענען פאראן מענשען וואָס דענקען אין ג ע ד א נ ק ע ן און עס זענען פאראן מענשען וואָס דענקען אין ווערטער ♦ שרייב מיר וואָס מאכע דיינע קינדער ♦ די וואָס דענקען אין געדאנקען לעגען־אויף אומזיסטען וועג ♦ ווייל נאָכדעם ווי דער געדאנק איז שוין אויסגעדענקט האָבען זיי ערשט נישט קיין ו ו ע ר ט ע ר פאר דעם געדאנק אין וועלכען איהם אָנצוטון ♦ און ביז וואנעט זיי האָבען אויסגעדענקט די פאסיגע וואָרט־קליידער האָט זיך דער אויסגעדענקטער נ א ־ ק ע ט ע ר געדאנק דערווייל פארקיהלט האָט אָנ־ געהויבען הוסטען און איז געגאנגען פון דער וועלט יונגערהייט ♦ גוט איז די וואָס דענקען אין ווער־ טער מ י י ן ל י ע ב ע ר ש ו ו אָ ג ע ר ♦ ווער־ טער זענען פלינקע גרינגפיסיגע לייט ♦ קוים איז דאָס וואָרט אויסגעדענקט וועט עס שוין זיין געדאנק געפינען אליין פון זיך ♦ אליין פון זיך ♦ ווייל ווערטער זענען טומעלדיגע לייט און אינטעליגענט און פול מיט אמביציע ♦ פארשטעהסטו ל י ע ־ ב ע ר ש ו ו אָ ג ע ר מיין טיפען געדאנק וועל־ בער איז אויסגעדענקט געוואָרען אין בלויזע ווער־ טער ♦

LXLII

ראובן ברײנין װײסט אַז בערגסאָן
װײסט װאָס עס איז אַזױנס הומאָר ♦
און איך טרײסט מיך דאָמיט װאָס ראובן ברײנין
װײסט אַז בערגסאָן װײסט אַקוראַט װאָס עס איז
אַזױנס הומאָר ♦ נאָר איך אָרימער מענש װאָס
איך האָב אָפּט אַלײן מיט מײַנע פֿינגער. אָנגעכאַפּט
ס׳געלעכטער בײַם האַלז און עס געהאַלטן אַ צאַ־
פּעלדיגס פֿאַר אײערע אױגען איך אַלײן װײס
נישט גענױ װאָס איז אַזױנס הומאָר ♦ איך װײס
נאָר אַז מ י ר א ל ע זענען דאָס געלעכטער פֿון
דער גאָטהײט און אונזערע מיזעראַבעלע לעבנס
זענען די אותיות װאָס שטעלן צונױף דעם געלונ־
גענעם אָ ד ע ר נ י ש ט ג ע ל ו נ ג ע נ ע ם
לעבן־און־טױט װיץ ♦ און נאָר דאַמאָלט װען מיר
גנב׳ענען אָפּ בײַ גאָט אַ ברעקעל אײביגקײט אין
װעלכער מיר קאָנען לעבן א ו י ס ע ר איהם
דעמאָלט דערזעהען מיר די נישט באַהאָלפֿענקײט
פֿון דעם קאָמיקער און מיר לאַכען פֿון זײַנע נישט
געלונגענע שאַפֿונגען ♦ פֿון זיך זעלבסט ♦ הומאָר
איז טראַגעדיע אין אַ פֿליסיגען צושטאַנד ♦ עס
איז דאָס שטיק אײַזען װאָס האַלט אין פֿאַלען איבער
אונזער קאָפּ אײדער עס דערשלאָגט אונז ♦ עס

איז דער טויט ווי ער ווערט געלעבט פון יעדען פון
אונז • טאָג־איין טאָג־אויס • אַט די ע ר ק ל ע־
ר ו נ ג מיינע וועגען הומאָר איז נישט קיין ב א ־
ל ו י כ ט ו נ ג נאָר א פ א ר ט ו נ ק ע ל ו נ ג
אזוי צו זאָגען •

LXLIII

אין אַ קרישטאָלענעם פראַנז פון מיין
קאַנדעלאַברע ליכטיגט זיך אָפּ אַ
בלוירויטער פייערפונק • ווי אַ פייערדיגע בליש־
טשענדיגע לאַנגע וויינטרויב ציטערט דער קריי־
שטאָל • עס דוכט זיך ד ו ק ע נ ס ט ד ע ם
קרישטאָל אויסדריקען און אַ בלאָהער פייערדיגער
ווין וועט אַרויסשפּריצען • אין אַ קרישטאָל
פראַנז פון מיין קאַנדעלאברע ברענט דער חלום
פון מיין לעבען • ציטערדיג איז ער און קליין
און בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון אַ קינסטליכען ליכט
וואָס אַ האַנט קען זיך אויפהויבען און עס אויסלע־
שען • אין אַ קרישטאָלענעם פראַנז פון מיין קאַנ־
דעלאַברע ברענט מיין פאַרגאַנגענהייט • מיין
פאַרגאַנגליכקייט • מיין אויג פרעהט זיך מיט
דעם ליכט • געהט שפּאַצירען אין זיין בלאָהען
גאָרטען וואו עס געשעהן וואונדער • אָבער
פלוצים גיט עמיצענ'ס אַ האַנט אַ ריהר דעם לייכ־
טער און אַלץ ווערט אַזוי גרוי • אַזוי איינגע־
שטויבט • אַזוי געוועהנליך •

LXLIV

קאָראַ מיין ליבסטע ♦ די זון געחט
שוין ווידער אונטער ♦ ס'איז איהר
ווייניג וואָס זי איז אונטערגעגאַנגען ביז היינט ♦
זי באַנוגענט זיך נישט ♦ ווייל אויך דאָס אונ־
טערגעהן איז א פארגניגען מיין האר־
צענסגעליבטע ♦ און אפילו דאָס שפּרינ־
גען אין אָפּגרונד אריין איז א צייטפארטרייב אויף
אַ ווייל ♦ דערנאָכדעם ווערט מען מיד ♦ ווי
איך בין מיד פון טראָגען מיין אייגענעם ווילען ♦
ווי דו ביזט מיד פון דיין שטארבענדיגען הונגער ♦
ווי דער בוים איז מיד פו זיין שאָטען ♦ ווי דער
שאָטען איז מיד פון זיין בוים ♦ ווי מיר אַלע
זענען מיד צו זאָגען איינס צו ס'אנדערע 1 גוט־
נאָוועגט ♦ 2 גוטיאָהר ♦ 3 וואָס
מאכט אייער עלטערער ברודער ♦
4 עס פרייט מיך אייער באקאנט־
שאפט ♦ 5 מיר'ן לעבען וועלען
מיר זעהן ♦ 6 מזל טוב אייך ♦
7 סאוועלט מיט וועלטעלאך ♦
8 עס שטעלט זיך שוין הער זו־
מער ♦ 9 עס איז נישט אמאָליגע
צייטען ♦

LXLV

קאַראַ מיין קאַראַ ♦ נעם אָן מיין
איידעל־אויסגעוואַשענע האַנט ♦

מיט די אַדערען ווי אויף קאַראַר׳ער מירמעלשטיין ♦
ווי סטרונעס אויף אַ פֿינף־גלידערדיגען שפּיל־אינ־
סטרומענט ♦ נעם אָן מיין האַנט און לאָמיר
געהן אַהין וואו די בורשטינענע פלוימען הענגען
שווער פֿון די צווייגען אַראָפּ ♦ וואו די ביהנען
לעבען פֿו זייער אייגענעם האָניג ♦ וואו וואַסער־
פֿאַלען טרינקען זיך אין זייער אייגענער שרעקליכ־
קייט ♦

LXLVI

ערגעץ אַן אַ זייט פון טייך איז פון
דער אומענדליכער רויט־זון אַ
שווערד געפאַלען ♦ שאַרף און בלוטיג ♦ איך
האָב עס געזעהען און פאַרצייכענט ♦ אביסעל
העכער לעבען דער טאַנץ־קאזינאָ איז דאָס וואסער
געווען צעפיהרט אַזוי ווי מיט שווערען וויין
וואָס באקומט פון דער צעמישונג אַ רויטליכע
פאַרב ♦ שפּעטער אין דער נאַכט אַריין זענען די
וואַלדוועגען געלעגען ווייס און אָפּגעמאַטערט ♦
האָבען געוואָלט עפּעס זאָגען אָבער זיי האָבען עס
טיפער אויסגעשוויגען ♦ אויסגעשוויגען ביז צום
ל ע צ ט ע ן טראָפּען ♦ אַזוי אַז נאָכדעם ווי זיי
זענען פאַרטיג געוואָרען דערמיט איז שוין גאָר־
נישט געבליבען וואָס צו שווייגען ♦ אַ מאַסע
רונדליכע בלעטלעך אויף בלויז איין געזויסען בוי־
מעל האָבען זיך געריסען ♦ יעדער פאַר זיך ♦
עפּעס אַזוי ווי אַן אָפּגעהאַקטער עק פון אַ ווינט־
שלאַנג וואָלט דאָ איבערגעבליבען נאָכדעם ווי די
שלאַנג אַליין איז געווען טויט ♦ און די נאַטיר־
ליכע ווייסע טרייסטענדיגע רוה האָט זיך פאַר־
קראָכען אין אַלע וואַלדווינקלען ♦ און דעמאָלט
קאָראַ מיינע האָב איך געטראַכט פון ד י ר ♦ גע־

טראַכט פון מיין רוה וואָס שלומערט אין די פאַל־
דען פון דיין ליכטיגען לייב ♦ אין דער זאַפראַן־
רויטקייט פון דיינע צעפּ ♦ געטראַכט פון דעם
צופיעלקייט פון מיין פייער וואָס איך האָב אי־
בערגענאָסען אין דיר כדי עס זאָל נישט פאַרלוירען
געהן איידער דער וועלטס לעצטע רגע געהט אוים ♦
געטראַכט אין פיין־פּראַזען ♦ אַ שטומער פידעל
בין איך וואָס הענגט אויף דיין וואַנט און ווי אין
עפּעס אַ לירישער דערצעהלונג קריכט אויף מיר דער
לבנה'ס געלע שפּין ♦ אָדער די ליכט־שפּין פון
דיין אויג ♦ די סטרונעס ציטערען ♦ שפּילען ♦
ווערען לעבעדיג ♦ צום ריטם פון דיין אויגען־
שפּין ♦ צום טאַנץ פון דער לבנה'ס קרום־געלע
פּיס ♦ אנדאנטינא אנדאנטע ♦

LXLVII מיר זענען צוגעבונדען ♦ איך בין צוגעבונדען צו מיין גאָלדען קיי־טעלע וואָס איז צוגעבונדען צום הויז־שליסעל וואָס איז צוגעבונדען צו דער טיהר וואָס איז צוגעבונדען צום הויז וואָס איז צוגעבונדען צום פונדאַמענט וואָס איז צוגעבונדען צום ערד־קוגעל וואָס איז צוגעבונ־דען צום אוניווערזום וואָס איז צוגעבונדען צו דער גאָטהייט וואָס איז צוגעבונדען צו דער אייביגקייט וואָס איז צוגעבונדען צו זיך זעלבסט ♦ מיר זענען צוגעבונדען צום ביסעל אָטעם און צום שטיקעל פולס ♦ מיר זענען צוגעבונדען צום נאַרישען שלאָף ♦ און אפילו צו די טויטע בהמות וואָס מיר עסען זענען מיר אויך צוגעבונדען ♦ מיר זענען אַזוי שטאַרק צוגעבונדען צו אונזער צוגעבונדענ־קייט אַז מיר ווילען זיך דערפון נישט אָפּבינדען בשום־אופן ♦

LXLVIII

זיי קומען צו אונז ווען מיר שטאַרבען ♦ זיי קומען צו אונז ווען מיר פאָהרען אַוועק ♦ זיי קומען צו אונז ווען מיר ווערען געזובעלט און געפייערט ♦ זיי קומען צו אונז ווען מיר זענען אין מאָדע ♦ זיי קומען צו אונז ווען אלע קומען צו אונז ♦ זיי קומען לייגען קרענץ אויף אונזערע קברים ♦ זיי קומען זיך אויפהויבן צו עהרע פון אונזער געשטאָרבענקיום ♦ זיי קומען צו אונז באלויכטען ווערען פון אונזער ליכט ♦ באַטראַגישט ווערען פון אונזער טראַגעדיע באַשטייבעלט ווערען פון אונזער שטייבעל ♦ זיי קומען נישט צו אונז ווען מיר זענען איינזאַם ♦ ווען מיר פאָהרען נישט אַוועק ♦ ווען מיר שרייבען אַן אַ שוואַכע זאַך און מיר דאַרפען אַ טרייסט ♦ ווען מיר שטאַרבען ביסלעכווייז און מיט אַ געוויסען סיסטעם ♦ ווען מיר דאַרפען געלט און לוקסוס ♦ ווען מיר ניטיגען זיך אין בלאָנדער אָדער אַלגעמיינער ליעבע ♦ ווען מיר דאַרפען עמיצער זאָל אונז אַרויפשלעפען אַ זעקעל קוילען פונ׳ם קעלער אָדער טון אַן אַנדערע ניצליכע אַרבייט ♦ ווען מיר געהן אַרום מיט אַ

שרעקליכען צאַנוועהטאָג און מיר האָבען נישט וועך עס זאָל אונז צוהאַלטען די באַק ♦ ווען מיר זענען נישט זעהר טויט און נישט זעהר לעבעדיג נישט זעהר אומעטיג און נישט זעהר פרעהליך ♦ ווען מיר זענען א מענש מיט אלעמען גלייך און ווען עס איז אויף אונז אזא רחמנות ♦

פעהלער־פארבעסערונג:

אינ׳ם ליעד „צו דעם טויטען יצחק רייז“ אין אנהויב פונ׳ם בוך דארף זיין אין די סוף־שורות: „איהם ליג צו די טויטע, לאנגע פיס, אט־דעמ־א קראנץ פון אומארטעלען“; אנשטאט: „איצט ליג איך“ און אזוי ווייטער.